STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11245

# HAYIM GRAVITSER

Fischel Shneersohn

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פאַרלאַג

פישל שניאורסאן.

# חיים גראוויצער

(די געשיכטע פון דעם געפאלענעם)

פון דער חבדישער וועלט.

Alle Rechte, insbesondere der Übersetzung, vorbehalten.
Copyright 1922 by the Jüdischer Literarischer Verlag
(Jewish Literature Publishing Co. Ltd.) G. m. b. H.
Berlin.

Buchdruckerei Lutze & Vogt G. m. b. H., Berlin SW 48.

צום אָנדענקען פון מיין היימ־
געליבטן ברודער, דעם גרויסן עניו —
מ נ ח ם מ ע נ ד ל — נשמתו עדן.

# פראָלאָג.

שוין עטליכע יאָר נאָך זיין טויט און מ׳רופט אים נאָך אַלץ:

— חיים דער געפאַלענער, אָדער — חיים דער נופל...

און דעם דאָזיגן נאָמען רעדט מען אַרויס מיט אַזאַ געהיימען שרעק און דרך־ארץ׳דיגער מורא, אַז יינגערע מענשן, וועלכע האָבן אים נישט געקענט, גייען אויס פון נייגיר און וואַגן נישט וועלכע ס׳איז פראַגע צו שטעלן. טרעפט זיך, אַז ס׳שפרינגט אַרויס אַמאָל אַ חוצפה׳דיגער, אָדער אַזוי אַ נאַאיווער יונגערמאַן, וועלכער טוט זיך איינפאַך אַ פרעג:

— ווער איז אָט דער חיים? דאָס איז דער גרויסער חיים גראַוויצער? ווי אַזוי־זשע איז ער...?

וואַרפן זיך אַלע אָן מיט שרעק אויף דעם דאָזיגן יונגנמאַן, מ׳רייסט אים איבער די רייד און מ׳פאַרטיוקעט אים אַזוי, אַז אים ווערט שוין אַליין נישט ניחא. מ׳באַקומט שוין טאַקע דער־ביי דאָס געפיל, גלייך ווי עמיצער האָט זיך געפרובט צעריי׳סן דעם אַזוי אויך צו דורכזיכטיגן שלייער פון אַ קרענקליך שווערן סוד.

אַלע ווייסן נאָר אָט וואָס:

אין סאַמע רעכטן ברען פון זיין פאַלן (דאָס איז געווען צווישן פסח און שבועות) האָט דער רבי אין ליובאַוויטש, ר׳ער צמח־צדק, שוין דעמאָלט אַ זקן־הדור, זיך מאוים׳דיג אָפגע־שלאָסן און גאַנצע וואָכן קיינעם נישט אויפגענומען. ער איז אפילו שבת נישט אַרויס צום עולם חסידות זאָגן. זיינען שוין אַלע געשטאַנען הילפסלאָז פאַרשמאַכט פאַר דער מאוים־

דיג אָפּגעשפּאַרטער טיר. האָט אָבער קיינער נישט געטראַכט פון זיך און זיין פאַרשמאַכטקייט — דעם רבי'נ'ס יסורים האָבן זיך אַלעמען אויף דער נשמה געלייגט. מ'האָט פאַרשטאַנען און געפילט, אַז ס'איז אַ גרויס אומגליק געשעהן, וועלכעס דער רבי מוז אויף דער עלטער אַליין בייקומען. אַלע האָבן גערעדט אויפגעהאַלטן, שטיל. פאַרשטעלטערהייט, מיט רמזים פלעגט מען רעדן פון דעם געפאַלענעם. מ'האָט זיך געהיט זיין נאָמען בפירוש צו דערמאָנען, גלייך ווי מ'וואָלט מורא געהאַט מיט פשוט'ע אומגעשיקטע הענט אַ טיפע וואונד באַרירן.

איינמאָל, דאָס איז געווען שבת אינדערפריה, פאַרן דאַווענען. דער עולם האָט, קומענדיג פון וואַסער, זיך ווי אַלעמאָל אין קליינעם זאַל געקליבן. פלוצים האָט זיך די מאויס'דיג אָפּגעשפּאַרטע טיר געעפנט. דער רבי איז אומערוואַרטעט אַרויס צום עולם, אָנגעטון ווי אַלעמאָל אין שניי־ווייסן אַטלאַס. איבערראַשטע זיינען אַלע אויפגעשטאַנען, געמאַכט דעם רבין אַ וועג צו זיין שטול און מיט איינגעהאַלטענע אָטעמס געוואַרט. און כאָטש אַלע האָבן שוין פאַרשטאַנען, אַז דער רבי וועט זאָגן, האָט דאָך קיינער נישט געוואַגט צו זינגען, ווי אַלעמאָל, פאַר הסידות. האָט זיך דער רבי געווענדט צום עולם און געהייסן זינגען. נישט ווילנדיג און נישט קלערנדיג האָט זיך ממש ווי פון זיך אָנגעהויבן זינגען דער באַקאַנטער חיים גראַוויצערס נגון, אַ ברענענדיגער, באַרגרייסנדער נגון. דער קליינער זאַל האָט אַ ציטער געטון.

נאָר אָט האָט מען שוין באַמערקט אויפן רבין יענע, אַלעמען באַקאַנטע, ליידענד־דביקות'דיגע מינע, וועלכע פלעגט זיך אַלעמאָל באַווייזן אויף זיין פנים פאַרן זאָגן. האָט זיך דאָס זינגען נישט איבערגעריסן, נאָר דער נגון איז עפּעס אַליין דרך־ארץ'דיג פאַרטיפט אַנטשווינגן געוואָרן. דער רבי האָט אָנגעהויבן זאָגן דעם גרויסן „וספרתם“.

מ׳האָט גענאַפּט — אַזוינס האָט מען נאָך גאָר קיינמאָל נישט געהערט. בכלל זענען אַלע רבינס מאמרים פון יענער צייט געווען אומגעווינלאַך. נישט נאָר וואָס זיי זיינען געווען אומגע־ווינלאַך טיף, נאָר זיי האָבן עפּעס אויף אַ נייעם אופן געגלידהט און געלויכטן. און די מאמרים זיינען נישט געווען אין זיך אָפּגעשלאָסן, נאָר זיי פלעגן אָפט איבערגיין אין אויפגעהויבענע שמועסן, וואָס מ׳האָט נאָך כמעט קיינמאָל פון רבין נישט געהערט. מ׳מוז נאָך אָט וואָס באַמערקן: דער גרעסטער גאון פון דער צייט, וואָס האָט געשפּייזט די גאַנצע הבד״ישע וועלט מיט זיין טיפער „השכלה" אין חסידות, האָט ער אויף דער עלטער דוקא פון גרויס דביקות געקענט פּשוט תהילים זאָגן, דערביי פּאַרטייטשן יעדעם וואָרט אויף עברי־טייטש און הכנעה׳דיג־צעבראָכן עטלאַכע מאָל איבער׳חזר׳ן. און אויך איצט, אין דעם מאמר, האָט דער רבי כמעט יעטוועדעם וואָרט פאַרטייטשט און הכנעה׳דיג־שטיל איבערגע׳חזר׳ט. ס׳האָט זיך דערהערט דאָס האַרציגע תהילים־זאָגן, וואָס האָט נאָר אַלע ווײַלע אין אַ דביקות׳דיגן שמועס אויפגעפלאַקערט. און אַזוי האָט דער רבי אָנגעהויבן:

— „וספרתם לכם, איר זאָלט אייך ציילן, כאָטש איר זייט נשמות, אַ חלק אלהי, טאַקע אַ חלק פון אלקות ממש, וואָס שטייט העכער פון יעדער מאָס און צאָל. אשר לא יספר — נישט צום ציילן! און דוקא דערפאַר און צוליב דעם דאַרף מען ערשט קענען נישט פאַרגעסן קיין מאָס און צאָל. מ׳דאַרף זיך אויסטון פון דער וועלט, כדי זיך אין איר ערשט רעכט אָנצוטון און מיט איר צוזאַמען אין מקור נתעלה ווערן. אַזוי ווי דער אויבערשטער, אור אין סוף איז ממלא די וועלט, אַזוי איז די נשמה ממלא דעם גוף. דאָס איז דאָך דער תכלית הבריאה — מ׳זאָל זיך אָנטון אין גוף און אין וועלט, כדי מיט זיי צוזאַמען ערשט נתעלה ווערן. די זון גייט אַרויס פון דער פינסטערניש, כדי זי ערשט

צו באַלייכטן. און פריער דאַרף מען ווערן העכער פון יעדער מאָס און צאָל, כדי דערנאָכדעם ערשט קענען זיך אין זיי אָנטון און מיט זיי נתעלה ווערן. און אַזוי איז דאָך דער סדר העבודה: פריער — פסח, דער ערשטער יום־טוב פון דער נשמה. מ'וואַרפט פון זיך אַראָפּ דעם שעבוד, יעטוועדע קנעכטשאַפט. יציאת מצרים, אַרויס פון אַלע מצרים־גבולים, פון אַלע גרעניצן, נאָר דאָס איז נאָר דערווייל זמן חרותנו, די צייט פון אונזער פרייקייט. מיר זיינען פריי, אָבער די וועלט איז נאָך נישט פריי. קומט טאַקע שוין באַלד די העכערע מדרגה — וספרתם לכם. מ'זאָל זיך ערשט קענען האַלטן אין מאָס און אין צאָל, נתעלה ווערן מיט די וועלטן, וואָס זיינען בגדר מאָס און צאָל...

און דאָס איז דאָך דער ענין פון עולם התוהו און עולם התיקון. באמת, איז דאָך עולם התהו העכער, נאָר דאָרט זיינען די אורות גרעסער פאַר די כלים, וועלכע קענען נישט דערפאַר אויפנעמען און אריבערטראָגן די צו גרויסע אורות — מילא, קומט עס צו שבירת הכלים. און דאָס איז דער סוד פון וימלוך — וימת, געקיניגט און געשטאָרבן. דער מלך איז העכער פאַרן פאָלק, דוקא דערפאַר מוז ער קענען זיין אין פאָלק, פירן דאָס פאָלק. אַנישט, — איז וימלוך־וימת... יעדער מענש איז אַליין אַ וועלט. כל המקים נפש אחת מישראל, כאלו קים עולם מלא (דער, וואָס האַלט אויף אַ יידישע נשמה, איז גלייך ווי ער האַלט אויף אַ גאַנצע וועלט). נאָר — צדיק מושל. ווערט מען אַ מלך אויף זיך, אַרויס פון די אייגענע גבולים, פון די אייגענע כלי־הגוף, טוט מען זיך אויס פון זיך אַליין. העכער און נאָך העכער עד רום כל המעלות — מוז מען ערשט קענען זיך אַליין פירן, מעלה זיין און באַלויכטן, זיך ווייטער אין די כלי־הגוף אָנטון. אַנישט איז — וימלוך־וימת, פאַלט מען, די נשמה ווערט, רחמנא לצלן, צעבראָכן..."

דאָ האָט דער רבי געעפֿנט די אויגן און עטוואָס אויפֿ־הייבנדיג בײדע הענט זיך געווענדט צום עולם:

„...דער אמת איז דאָך, אַז זינט כּנסת ישׂראל איז אין גלות איז יעדן יידן — איר הערט, — יעדן! — געגעבן דער כּח אין זיין אייגענער נשמה דעם גאַנצן בית־המקדש ווידער אויפֿצובויען. יעדער קאָן אין זיך אַליין אויפֿשטעלן אַ הייליגן מזבח, אויף וועלכן ס'גייט אויף דער ענן הקטורת פֿון תּורה און תּפֿילה. נאָר תּפֿילות זיינען נאָך העכער פֿאַר קרבּנות. יעדער, זאָל ער נאָר וועלן, קען ער אַריין צו זיך אין דעם קדשי־קדשים פֿון זיין נשמה, און ווי דער כּהן־גדול אום יום־כּפּור, דערזעהן אלקות פּנים בּפּנים. און אַז אַ יידישע נשמה ווערט חרב, ווערן שוין אַלע וועלטן פֿינסטער, ממש ווי אין דעם טאָג פֿון חורבן הבּית. השמים לבשו קדרות — די הימלען ווערן, רחמנא לצלן, שוואַרץ. ושכינה מה אומרת — און די שכינה אַליין וואָס זאָגט? קלני מראשי, קלני מזרועי — די שכינה אַליין קען עס, כּביכול, נישט אַריבּערטראָגן. וחשב מחשבות לבל ידח — דער בּורא ב"ה אַליין הערט נישט אויף, כּביכול, צו קלערן, ווי צו ראַטעווען דעם געפֿאַלענעם, וואָרום ער, ער אַליין איז דאָך אַ סומך נופֿלים, ער, נאָר ער אַליין..."

בּיי די ווערטער האָט דער רבי אין גרוים צער דעם קאָפּ פֿאַרוואָרפֿן. דער עולם איז געשטאַנען ווי פֿאַרגאַפֿט מיט איינגעהאַלטענעם אָטעם. נאָר בּאַלד האָט זיך דער רבי אַ קער געגעבן צום עולם און זיין פּנים האָט שוין געלויכטן פֿון מאָדנער שמחה:

„נאָר כּל ישׂראל בּני מלכים הם — יעדער ייד איז אַ בּן־מלך. נישט רחמנות, נאָר מורא און דרך־ארץ דאַרף מען האָבּן פֿאַר אַ געפֿאַלענעם בּן־מלך. וואָרום כאָטש ער איז געפֿאַלן און וואַלגערט זיך ווי אַ וואָרעם אין שטויב — איז ער נאָך אַלץ אַ בּן־מלך. מיט איין קער פֿון זיין גוטן ווילן בּאַקומט ער דעם

אמת'ן אוצר המלך פון אַ נשמה און אין איין רגע דערלאַנגט ער צום כּסא הכּבוד. דעמאָלט וועט נאָך ליכטיגער שיינען די גאָלדענע קרוין אויף זיין צעבּלוטיגטן קאָפּ און נאָך פאַרשכּור'טער וועט ער טרינקען דעם שטאַרקן וויין פון השגת אלקות..."

די דאָזיגע מאָדנע ווערטער „פאַרשכּור'טער טרינקען" האָבּן געהאַט, ווי ס'האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, אַ מאוים־דיגע בּאַדייטונג.

און נאָך איין מעשה ווייסט מען פון דעם געפאַלענעם:

אין דעם ערשטן יאָרצייט נאָך דעם געפאַלענעמס פּטירה האָבּן זיך חסידים, לחלוטין נישט אָפּרעדנדיג צווישן זיך, גע־לאָזט צום רבּין אין ליובּאַוויטש. ס'איז אָנגעקומען אַזוי פיל אורחים, אַז מ'האָט שוין אפילו געמוזט עפענען דעם גרויסן זאַל, וועלכער פלעגט זיך געוויינליך עפענען נאָר ימים־נוראים, ווען ס'לויפן זיך צונויף אין ליובּאַוויטש דאָרשטיגע און פאַרשמאַכטע פון אַלע עקן וועלט. דער פול געפּאַקטער גרויסער זאַל האָט שוין טאַקע אומגעוויינליך יום־טוב'דיג אויסגעזעהן.

האָט זיך שוין נאָכמער געוואָרפן אין די אויגן, וואָס צווישן זיך האָט מען נישט גערעדט וועגן דעם ענין פון היינטיגן קומען אין ליובּאַוויטש און מ'האָט אַפילו נישט דערמאָנט דעם נאָמען פון דעם היינטיגן בּעל־יאָרצייט, ס'האָט זיך טאַקע אין אַלץ געפילט עפּעס נישט דערזאָגטעס, אָנגעשטרענגטעס, עפּעס אַ טרויעריגעס ווייהען פון אַ שטאַרק אומרוהיגן סוד.

פון רעכטן בּאַגינען אָן האָט זיך אָנגעהויבּן קאָכן דאָס חבּד'ישע לעבּן אין גרויסן זאַל. און ווי אום יום־טוב, האָט מען נישט געדאַוונט אין בּאַזונדערע מנינים, נאָר דער גאַנצער עולם האָט זיך צוזאַמען געשטעלט דאַוונען. האָט אָבּער דאָ פּאַסירט עפּעס גאָר אומערוואַרטעטעס. מ'האָט נאָר אָנגעהויבּן דאַוונען, איז אין גרויסן זאַל געקומען אַליין דער רבּי, און נאָכמער, דער רבּי האָט זיך נישט אָפּגעזונדערט, ווי אַלעמאָל, אין שטיבּל, פון

וואַנען די טיר בלייבט נאָר אויף אַ שמאָלן שפּאַלט אָפן אין גרויסן זאַל. נאָר, ווי אום ימים־נוראים, האָט דער רבי געדאַוונט צווישן עולם אין מזרח־וואַנט אין ווינקל, וואוהין מ׳האָט צוגעטראָגן אַ באַזונדער שטול.

די אומגעוויינלעכע און אומערוואַרטעטע אָנוועזנהייט פונם רבין האָט אַרויסגערופן אַ מאָדנע התעוררות, וואָס האָט געשטייגט צו אַ שטיל איינגעהאַלטענער התלהבות. האָט זיך שוין קיינער נישט געפרעגט, וואָס וועט זיין נאָכן דאַווענען, צי וועט מען טרינקען „תיקון" אויפן געפאַלענעם, צי און ווי אַזוי וועט מען סוף־כל־סוף איבעררייסן דאָס אומערטרעגלאַכע שווייגן.

נאָכן דאַווענען האָבן זיך אַלע אויגן געווענדט אין ווינקל צום רבין. אין אַ ווײַלע אַרום האָט דער רבי שוין אויסגעטון די תפילין און איז געשטאַנען אין טלית מיטן פנים צום עולם. האָט שוין אויף זיין פנים געלויכטן דער אַלעמען באַקאַנטער דביקות׳דיג ליידנדער שמייכל, וועלכער פלעגט זיך אַלעמאָל באַווייזן פאַרן זאָגן. ווי אַ שוידער פון אומערוואַרטעטן אַנטציקן איז דורכגעגאַנגען איבער די טויזנטער מענשן אין גרויסן זאַל. האָט זיך יעדער מיט מסירת נפש געריסן אַהין אין ווינקל, נעהנטער צום רבין, גלייך ווי אַ אומערוואַרטעטער פרישער קוואַל האָט זיך געעפנט פאַר אַ טויט־דאָרשטיגן עולם. יעדער פאַרגעסט אויף זיך און אויף אַלץ אין דער וועלט און ציהט זיך מיט אַלע כחות, ווי אַ באַנומענער, נעהנטער צום פרישן קוואַל. מ׳האָט זיך שטאַרק געשטופּט און געשטויסן, געקראָכן אויפן עמוד, אויף די בענק, קעפּ און פּלייצעס. און די, וואָס שטייען אַרום רבין מוזן אָנשטרענגען זייערע פּלייצעס ווי אייזערנע זיילן, כדי ביישטיין דער אומגעהויערער שטורם־כוואַליע, וועלכע שטופּט זיי אָט־אָט אַראָפּ פון זייערע ערטער. נאָר נישט קוקנדיג אויף דער ענגשאַפט און שטופּעניש איז אין איין רגע געמאַכט געוואָרן פאַרן רבין אַ וואַרע צו דער בימה, וועלכע איז געשטאַנען

אינמיטן זאָל. אויפֿן בימה איז גלייך ווי אויסגעוואַקסן אַ שטול, אויף וועלכער דער רבי האָט זיך לאַנגזאַם געזעצט. אַלע האָבן זיך סוף־כּל־סוף ווי ס'איז אַרומגעשטעלט אַרום בימה, קאָפּ אויף קאָפּ און פּלייצע בײַ פּלייצע, אָנבויגנדיק די קעפּ פאָראויס מיט פאַרשמאַכטע אָפענע מײַלער. מ'האָט דעם אָטעם איינגעהאַלטן. אין זאַל האָט שוין געהערשט אַן אָנגעשטרענגטע שטילקייט. דער רבי האָט פאַרמאַכט די אויגן, האָט זיך לייכט געשאָקלט. אַ ווײַלע האָט דער רבי שווער געאָטעמט, צייטנווייז האָט אים ממש דער אָטעם פאַרכאַפּט. אויפֿן פּנים האָבן זיך טיפע ליידן באַוויזן. מ'האָט בחוש געזעהן, ווי דער רבי ראַנגלט זיך מיט דער אומערטרעגליכער דביקות. נאָר אָט האָט דער רבי זיך באַ־הערשט, עפּעס אַ מאָדנע שטילקייט האָט אויף אים אָנגעהויבן לייכטן. דער רבי האָט שטיל געלייגט די הענט אויף די קני און אָנגעהויבן זאָגן.

דער רבי האָט גערעדט הויך, קלאָר און דייטליך. ווידער האָט ער אָפט פאַרטייטשט יעדעס וואָרט און איבערגע'חזר'ט, אָבער נישט הכנעה'דיג־שטיל, נאָר דביקות'דיג אויפגעהויבן אַזוי, אַז צייטנווייז האָט ממש דער גרויסער זאַל געפלאַטערט.

דעם מאמר, וואָס האָט געדויערט אַרום צוויי שעה, האָט מען דעם זעלבן טאָג אומצאָליג גע'חזר'ט, צענדליגער „הנחות" *)

---

*) א פּוֹלע חסידים האָבן געקענט „איבערנעמען" דעם רבינ'ס אַ מאמר פאַר איינמאָל און אויסלייגן דעם נעהערטן מאמר בכתב. דאָס דאָזיגע „אויסלייגן" האָט מען גערופן „הנחה". אַזוי פלעגט דעם רבינ'ס אַ מאמר אַרומגיין אין פאַרשיידענע „הנחות".

די מאמרים און חבד'ישע שמועסן, וואָס קומען אין אונזער דערציילונג, ווערן געבראַכט לויט אונזער אייגענער „הנחה". דערבײַ האָבן שוין געמוזט אויסגעלייגט ווערן אויף יידיש אייניגע וויניג־צוגענגליכע העברעיש־קבלה'שע אויסדריקן און רעדנסאַרטן.

זיינען געמאַכט געוואָרן און הונדערטער „כתבים“ איבערגעשריבן, און אין אַ קורצער צייט האָט זיך שוין דער מאמר געטראָגן איבער חבד'ישע שטעט און שטעטלאַך, וועלכע האָבן דעם מאמר פאַר־גאַפט געלערנט און גע'חזר'ט.

דער דאָזיגער אומגעהייערער מאמר אַליין קאָן באַווייזן די טיפע ערשיטערונג, וואָס דער געפאַלענער האָט אַרויסגערופן אין דער חבד'ישער וועלט.

— „שבע יפול צדיק וקם, — האָט דער רבי אָנגעהויבן און גלייך פאַרטייטשט יעדעס וואָרט, — זיבן מאָל פאַלט אַ צדיק און הויבט זיך אויף. דאַרף מען פאַרשטיין, וואָס איז דער ענין פון זיבן מאָל און וואָס איז בכלל דער ענין פון נפילה ביי אַ צדיק. די משמעות איז, אַז נאָר אַ צדיק קען זיך אויפ־הייבן און נאָר ער קען פאַלן. מיר זעהען דאָ למטה, אַז מ'ליגט אויף דער ערד, קען מען גישט פאַלן, נאָר וואָס העכער מ'הויבט זיך אויף פון דער ערד, אַלץ טיפער ווערט דאָס פאַלן. יעדע עליה פון אַ נשמה טראָגט אין זיך שוין די מעגליכקייט פון פאַלן, נאָר יעדעס פאַלן איז אַ מאַוים'דיגע בשורה פון דער קומענדיגער התעלות. וואָרום פאַלן און אויפהויבן זיך — דאָס איז דער תוך פון אמת'ער עבודה, די תנועה, דער רצוא ושוב פון אַ נשמה, וואָס טראָגט זיך העכער און העכער. והחיות רצוא ושוב, די חיות המרכבה זיינען אויך אין דער מדרגה פון רצוא ושוב. וואָס העכער די עליה, אַלץ טיפער איז דאָס פאַלן. ווערט מען נתעלה אין די העכסטע הימלען, קען מען שוין זינקען אין די נידריגסטע אָפּגרונטן. כל הגדול מחברו יצרו גדול הימנו — וואָס גרע־סער דער מענש אַלץ שטאַרקער דער כח היצר. ווי אומגעהייער איז די עליה פון אַ נביא! ויעל השמימה — אַ נביא קען נאָך ביים לעבן נתעלה ווערן אויפן הימל. דאָס איז אַ גלוי אלקות, וואָס איז העכער פון וועלטן, פון יעדן אונטערשייד צווישן טויט און לעבן. דאָס איז די מדרגה פון דנשקי שמיא וארעא —

הימל און ערד ווערן גלייך בטל אין דעם יחוד פון נשיקה. און דערפאַר איז טאַקע אויך אַזוי אומגעהייער דער כח פון אַ נביא, חלילה, צו פאַלן. אַ פּראָסטער מענטש גלויבט באמונה שלמה אין דער תורה הקדושה און טוט מיט מסירת נפש דעם רצון הבורא. צי איז אָבער פאַראַן אַ מענטש אויף דער ערד, אפילו אַ פחות שבפחותים, וואָס זאָל דערהערן כביכול גאָטס קול אַליין און נישט בטל ווערן. נאָר יונה הנביא איז מורד אין די שליחות פון דעם אויבערשטן, אַנטלויפט פון זיין ווילן, מ׳וואַרפט אים אין ים און ער זינקט אין דעם טיפן תהום פון פאַלן. נאָר זיין פאַלן אַליין איז שוין באַלד פול מיט דער ליכטיגער עליה פון אַ נביא. וואָרום אַ נשמה ווערט נתגלה נישט נאָר אין דער הויכקייט פון איר עליה, נאָר אויך אין דער טיפקייט פון איר פאַלן. נאָר נשמות פון רשעים האָבן נישט דעם רצוא ושוב — דאָס זיינען באמת טויטע נשמות. ווייל נאָר נידעריגער פון לעבן הויבט זיך אָן די פאַרשטיינערטע רוה פון טויט. איז טאַקע רשעים בחייהם קרואים מתים — דאָס לעבן פון רשעים איז גלייך ווי דער טויט...

...פאַרשטיין דעם ענין נאָך טיפער איז אַזוי — באמת איז פאַלן דער יסוד ומקור פון בריאת העולמות, פון וועלט־שאַפעניש. וואָרום בריאת העולם אַליין, די גאַנצע וועלט־שאַפעניש איז דאָך דאָס ערשטע און טיפסטע פאַלן. דאָס אַראָפּגיין, כביכול, פון גאָט אין דער וועלט, פון דער נשמה אין גוף — קען דען זיין אַ גרעסערע ירידה, אַ טיפערע פאַלן? צימצם עצמותו — עצמות אור־אין־סוף האָט זיך מצמצם געווען. נאָר דאָס דאָזיגע פאַלן טראָגט שוין אין זיך די ליכטיגע בשורה פון דער גרעסטער עליה. דאָס איז דאָך דער גאַנצער מכוון פון דער וועלט־שאַפעניש. ירידה לצורך עליה! ווייל דער גוף און די וועלט לעבן דאָך אין אים יתברך און פון אים. נאָר אין דערינען באַשטייט דאָך דער גרויסער נס פון יצירה. כאָטש באמת איז

אַלץ און אומעטום ער און נאָר ער, — לעבן כלומר׳שט וועלטן פאַר זיך, ווי אַ יש ודבר בפני עצמו, כביכול, אַ מין באַזונדער־קייט און פירוד פון גאָט און וועלט, בורא און נברא. נאָר דער אונטערגאַנג פון דער זון אין איין עק וועלט באַדייט איר אויפגאַנג אין דעם אַנדערן עק וועלט. דער צמצום, דאָס אַראָפּלאָזן זיך פון אלקות אין דער ערשטער וועלט־שאַפעניש, טראָגט שוין אין זיך די ליכטיגע עליה אין דער ווייטערער וועלט־שאַפעניש, וואָס איז דעם מענשן געגעבן געוואָרן. יעדער מענש קען דאָך און דאַרף מעלה זיין די ישות און באַזונדערקייט פון אַלע צעוואָרפענע וועלטן, בטל ווערן אין אלקות, ווי באמת איז דאָך אַלץ אין אים בטל ונכלל...״

וואָס ווייטער האָט דער רבי גערעדט, אַלץ מער דביקות־דיג אויפגעהויבן, עפּעס אַזוי אומגעוויינלאַך, ווי מ׳האָט עס טאַקע נאָך קיינמאָל פון אים נישט געהערט.

„...דערפאַר איז טאַקע צדיקים דומין לבוראן—דער צדיק איז גלייך צו גאָט, ברוך הוא. ער איז אַ שותף אין מעשה בראשית, אין דער גאַנצער וועלט־שאַפעניש. נאָר ווי איז דער צייט, וואָס דער צדיק איז א חד בדרא, אַ איינציגער. וואָרום באמת איז דאָך די מדרגה פון אַ צדיק איינגעפלאַנצט אין יעדער נשמה. יעדער קאָן זיין ווי משה רבינו — זאָל ער נאָר דער־הערן זיך אַליין, זיין שורש נשמה, וואָס איז דאָ, אַ חלק אלקי ממש. אַזוי קען דער קלענסטער מענש ווערן אין איין רגע אַ מושל פון וועלטן. די פשוט׳ע וועשער פון לוד האָבן דאָך מיט איין רגע פון מסירת נפש איינגענומען אַלע וועלטן, אַזוי, אַז קיינער קען שוין נישט דערלאַנגען אין זייער הייליגער מחיצה. ראה נתתי לפניך — דיר, מענש, ווער דו זאָלסט נישט זיין, גיב איך טויט און לעבן. קלייב נאָר אויס לעבן — ביסט שוין אויפן כסא הכבוד, אַ בורא און אַ מושל פון אומצאָליגע וועלטן, ועלמות אין מספר — אל תקרי ועלמות, אלא ועולמות — וועלטן אָהן

אַ צאָל, העכער פון צאָל. דער צדיק איז גוזר און גאָט איז מקים. און דאָס איז דער ענין, וואָס אויפן באַרג סיני, בעת מתן תורה, האָט יעדער ייד — טאַקע בפועל ממש יעדער! — צוויי קרוינען באַקומען. וואָרום איז אַ מענש מקבל די תורה, איז ער שוין אויף דעם וועג פון אמת'ן לעבן, און דער מענש אַליין איז מעלה אַלע וועלטן און שאַפט זיי ס'ניי אין דער גרויסער עליה — און דעמאָלט באַלייכט זיין קאָפּ דער כתר היצירה. און יעדע דערגרייכטע מדרגה ברייננגט דעם מענשן די ליכטיגע קרוין פון אייביגקייט. אין קבלה הייסט דאָס, אַז...״

מיר וואָלטן אַוועק צו ווייט, ווען מיר וואָלטן וועלן דעם גאַנצן מאמר אויסלייגן. מיר וועלן נאָר ברענגען פון דעם מאמר נאָך איין שטעלע, וואָס איז זעהר וויכטיג פאַר אונזער דער־ציילונג:

„...אמאָל טרעפט זיך, אַז דער גדול לעבט נישט איבער זיין פאַלן — די קומענדיגע התעלות ווערט שוין אין אים דער־הערט, אָבער נאָך נישט דערגרייכט, און ער שטאַרבט אַ נופל. מענשן האָבן אויף אים רחמנות: „דער געפאַלענער!״ בלינדע! זיי זעהען נישט די לעבעדיגע גאַנצקייט אין דער קייט פון דורות. דאָס פאַלן פון איין דור איז דאָך אַ ליכטיגע בשורה צו דער התעלות פון דעם קומענדיגן דור. דער דור המדבר איז אויס־געשטאָרבן אין גאָטס צאָרן, מאַכנדיג אַ וועג צו דער עליה פאַר דעם קומענדיגן דור. און דער דור המדבר איז דען אויסגע־שטאָרבן? בלינדע! זיי זעהען נישט די גרויסע רחבות פון לעבן. באמת איז דאָך חיים לשון רבים, ווייל יעדעס לעבן האָט אין זיך פיל צורות און לבושים. דער טויט פון איין צורה איז דאָך נאָר אַ ליכטיגע עליה פון אַ העכערער צורה...״

אַז דער רבי האָט אָפּגעזאָגט, איז דער עולם געשטאַנען אומבאַוועגליך, בפועל ממש פאַרגאַפט. האָט זיך שוין געפילט, אַז ביי יעדן טיף אין דער נשמה רייסט זיך אַ געשריי פון אַ

ווילד אויפגעוועקטן עקסטאַז. און דאָ האָט דער רבי אַרויסגענומען אַ זילבערנע מטבע, האָט זי אויפן טיש אַנידערגעלייגט פאַרן עולם און געזאָגט:

— אָט איז אייך אַן אָנהויב אויף תיקון. טרינקט, זייט פריילעך אָהן אַ סוף. אַזוי האָט געזאָגט דער זיידע זכרונו לברכה: פרייט אייך, יידן, פרייט אייך, יידישע קינדער! יאָגט אייך נישט נאָך הימלען און האָט נישט מורא פאַר אָפגרונטן. זאָל נאָר זיין אייער גוטער ווילן, וועלן אַלע הימלען פאַר אייך קניען. דער טיפסטער תהום פון פאַלן איז שוין דערהויבן געוואָרן צו דער הייכקייט פון דער אמת׳ער התעלות און די גרעסטע שוואַרצע זינד ווערט די נשמה פון הייליגער התלהבות. יקר מזולל! אַלע וועלטן האָבן זיך געהויבן פון דיינע טרערן, חיים גראַוויצער! נאָר דער צער פון דיין פאַלן איז נישט אומזיסט געווען. אין דער קנעכטשאַפט ביסטו שוין אויסגעלייזט און אין דיין פאַלן ביסטו שוין דערהויבן, יידן! אַלע טויערן האָבן זיך געעפנט. טרינקט, פרייט אייך אָהן אַ מאָס...

נאָך די ווערטער האָט זיך דער רבי אויפגעהויבן און זיך געלאָזט גיין. דער פאַרגאַפטער עולם האָט מיט דרך־ארץ׳דיג איינגעהאַלטענעם אַנטציקן דעם רבין מיט ברענענדיגע אויגן שטיל באַגלייט. ווי נאָר דער רבי איז אַרויס פון טיר, האָט זיך שוין דער גרויסער זאַל פון אומערטרעגליכער שמחה אין דער לופט געהויבן. ווי אַ לאַנג איינגעהאַלטענער שטורם האָט זיך פון טויזנטער ברוסטן חיים גראַוויצערס נגון געטראָגן. דער פייערדיגער נגון האָט שוין אַלע ווינקלען אָנגעצונדן, און דער גרויסער זאַל גליהט שוין ממש ווי אין פלאַמען. די כוואַליעס פון דעם נגון הערן זיך נישט אויף צו הויבן, זיי פאַרפלייצן, הויבן אויף און פאַרדרייען אַלץ און אַלעמען אין אַ ווייכער פון אומגעהייער גליהענדער שמחה. און דאָס האַרץ וויל נישט קרעפירן, נאָר מאוים׳דיג וואַקסט עס, דאָס האַרץ, און גליהט

צוזאַמען מיט דער שמחה. האָבן זיך שוין עפּעס זוי פון די קייטן אָפּגעריסן אוראַלטע עקסטאַזן. עקסטאַזן פון אָהן אַן אָנהויב און אָהן אַ סוף. מענשן, ווי אויף אייביג פאַר׳שכּור׳טע, נעמען זיך אָן פאַר די הענט, מ׳טאַנצט אין קאַראַהאָדן אַרום טיש, אַנדערע פאַרפלעכטן זיך מיט די הענט און לאָזן זיך שוין אויף וואָס די וועלט שטייט. ברענענדיגע, מסירת־נפש׳דיגע תּפלה־טענץ. אָט רייסן זיך אַנדערע אויס פון די קאַראַהאָדן, טראָגן זיך ווי אַ וויכער אַרויף אויפן טיש און מיט פאַרוואָרפענע קעפּ, פאַרמאַכטע אויגן און אויפגעהויבענע הענט טאַנצט מען שוין ממש אויס די נשמה, דאָס איז שוין גאָרנישט קיין טאַנץ, נאָר אַ מין תּפלה בלחש פון אַ גליהענד־צוקנדן קערפּער, אַ תּפלה בלחש, וואו די נשמה גייט אויס און ווערט פון ס׳ניי געבאָרן...

פּלוצים האָט זיך אין גרויסן זאַל אַן אומגעהויערע שטימע ווי אַ דונער אויפגעהויבן. דער עולם האָט זיך ווי אויפגעכאַפּט. ווער איז דאָס? אַהאַ, משה מרדכי! ער שטייט אויף אַ באַנק מיט אויפגעהויבענע הענט און רופט צום עולם:

— שאַ־אַ־ט, יידן, צו פריה האָט איר אָנגעהויבן טאַנצן, קודם כּל זאָל יעדער אויסטרייסלען די קעשענע אויף תּיקון. שוין צייט נעמען דאָס אמת׳ע ביסל בראָנפן, והשנית, דאַרף מען זיך אַ נעם טון דעם מאמר חזרן.

יא, דאָס איז געווען אַ גרויסער, אַ מאוים׳דיג גרויסער טאָג!

נאָר אָפּן גערעדט, צווייפלען מיר, צי וואָלט די גאַנצע התלהבות געריכט חיים גראַוויצערן אַליין. נאָר אויף וואָס טויגן ספיקות. מיר וועלן אייך מגלה זיין, ווער איז דאָס געווען חיים גראַוויצער און דערהויפּט, ווי אַזוי איז ער אַ נופל געוואָרן — און זאָל זיך יעדער שוין אַליין קלערן, ווי ער פאַרשטייט.

## I.

חיים גראַוויצער, וועלכער האָט קינדווייז געשמ'ט פאַר אַ גרויסן עלוי, און צו אַכטצן יאָר איז ער שוין כמעט געווען איינער פון די גדולים אין דער חבד'ישער וועלט — האָט זיך אַלע זיינע יאָרן עקשנות'דיג אָפּגעזאָגט פון רבנות, וועלכע מ'האָט אים נישט איינמאָל פאָרגעלייגט. ער איז פון יונגט אָן געווען אַ מלמד פון עלטערע קינדער און בחורים, וועלכע ער האָט געלערנט, ווי ער פלעגט זיך אויסדריקן, צו זיין אמת'ע יידן. האָט ער זיך מסירת־נפש'דיג געקאָכט אין זיין מלמדות. אַמאָל האָט ער געזאָגט, אַז גאָט אַליין איז אים, כביכול, מקנא, וואָס ער פאָרעט זיך אַרום יונגע נשמות. דער סדר פון זיין לערנען מיט קינדער איז, ווי זיין גאַנצע נאַטור, געווען אַ דאָרשטיג־שטרעבנדיגער, מיט יענעם זעלטענעם חבד'ישן ברען, וואָס פאַרטונקלט נישט, נאָר פאַרקערט, מאַכט דעם מח נאָך שטאַרקער און קלאָרער. די תלמידים האָבן אים ציטערנדיג ליב געהאַט.

האָט אים אָבער שוין קיינער נישט געטאָרט זאָגן די מינדסטע דעה ווי אַזוי צו לערנען מיט קינדער. נישט נאָר די עלטערן פון די קינדער, נאָר אפילו דעם רבי'ן אַליין האָט ער נישט געפרעגט און נישט געהערט אין די זאַכן. ער האָט אפילו אַמאָל ביי אַ חסידיש ביסל בראָנפן חוצפה'דיג געזאָגט: איך אין מיין מלמדיש וועלטל בין אַזאַ רבי פאַר די קינדער, ווי ער אין ליובאַוויטש פאַרן כלל ישראל.

מ׳דערציילט אַט וואָס. געציע אַמטשיסלאַווער, אַ שטיק מתנגד, אַ גרויסער חריף, דעם וואָלאָזשינערס אַ תּלמיד געווען, — נאָר אַ חסידישער איידעם, האָט ער זיך „געריבן״ צווישן חסידים און אָנגעהויבן צו ביסלאַך פאָרן אין ליובאַוויטש. כאָטש ביים רבין אויף „יחידות״ פלעגט ער זיך נישט קענען איינהאַלטן און אַ פרעג טון ביים רבין עפּעס אַ האַרבן רמב״ם, — האָט ער אויך אָפּגעגעבן זיין יינגל צו חיים׳ען לערנען. איז ער איינמאָל געקומען צו חיים גראַוויצער אַהיים און האָט אָנגעהויבן טאַקע כּלומר׳שט נאָר הכנעה׳דיג:

— אודאי, ר׳ חיים, דאַרף איך שוין קיינער נישט לערנען. נאָר וואָס זשע דען? איך האָב נאָר אַט וואָס געוואָלט אַ פרעג טון. אַט לערנט איר מיט די קינדער גמרא. קאָן זיין, אַז ס׳וואָלט אפשר שטאַרק כּדאי זיין לערנען אַ מהרש״א, אַ מהר״ם שי״ף און אַנדערע מפרשים, דאָס שאַרפט דעם מח און דערצו...

האָט חיים גראַוויצער אויף אים אויפגעהויבן זיינע גרויסע שוואַרצע אויגן און האָט אים האַסטיג איבערגעריסן:

— הער נאָר, ר׳ למדן, וואָס טוינן אונז די לאַנגע רייד. וואָס וואָלסטו אַליין זאָגן, ווען דיין זונדל וואָלט אויסמאָלן מיט אַ פעדער די מנורה אויף דיין מתנגדישן שטערן? דו וועדסט ברוגז? אַהאַ! וואָרום דו אַליין פאַרשטייסט שוין, אַז ווי די מנורה זאָל נישט זיין שיין, איז אַ יידישער שטערן, אפילו אַ מתנגדישער, נישט אויף דערויף באַשאַפן געוואָרן. פאַרוואָס זשע ווילסטו, אַז איך זאָל אין יידישע נשמות קריצן צאַצקעס, אַריינקוועטשן לאַרבער־בלעטער פון דיינע וואָלאָזשינער פּלפּולים? ווער נויט דיך? נעם דיר דיין זונדל און מאַך פון אים אַ מתנגדישע בעבקע, נאָר מיט מיר האָסטו נישט וואָס צו ברייען...

דערפאַר אָבער האָט חיים גראַוויצער ניט געקוקט אויף קיין שכר־למוד, און אים האָט קיינמאָל ניט געאַרט, וואָס ס׳קלעקט לחלוטין ניט אויף דער הוצאה. ער פלעגט קנעלן אין זיין ענ־

נער שטובֿ, נאָר אויבֿ די קנעלונג פּאָדערט, גייט ער קנעלן אין פֿרעמדע הייזער, אין פֿרעמדע שטעט, אפֿילו אין דערפֿער. האָט שוין שרה, די ווייבֿ זיינע, געמוזט אויף דער זייט אַרבעטן, כּדי אויסצושלאָגן ווי ס׳איז אין דחקות די הוצאה.

אַז דער אַלטער רבֿ פֿון אונזער שטאָט איז נפֿטר געוואָרן, זיינען די גבאים פֿון די שולן און די טובֿי העיר געקומען צו חיים גראַוויצער אים איין מאָל פֿאַר אַלע מאָל בעטן פֿאַרנעמען דעם כּסא הרבנות. מ׳האָט עפּעס געקלערט, אַז דאָס מאָל וועט עס געלינגען אים איינצובעטן.

חיים האָט שמייכלענדיג אויסגעהערט און געשאָקלט שפּאַטיש מיטן קאָפּ.

— הייסט דאָס, אַז איר, נאַראָנים, שטאָט-גבאים, ווילט מאַכן חיים גראַוויצערן פֿאַר אַ שיינעם רבֿ? ערשטענס, ווייסט איר דען ניט, אַז חיים גראַוויצער טרינקט אמתן ספּירט אפּולע און אַלע ווײַלע, איז אַ נע-ונדניק, וואָס שליידערט זיך און וואַרפֿט זיך, און ווייסט ניט קיין רוה פֿאַר זיך און פֿאַר אַנדערע — פּאַסט דאָס אַלץ פֿאַר אַ שיינעם רבֿ, האַ? צווייטנס, צו אַ רבֿ טראָגט מען פֿאַרשיידענע ברואים מיט אַ שאלה, צו זיינען זיי כּשר — און אַן אַנדערש מאָל האָט מען געדאַרפֿט דעם גאַנצן חיים גראַוויצער טראָגן צו דעם אמתן רבֿ פֿרעגן, אויף וויפֿיל ער איז אַ כּשרע בריאה. דריטנס, אַ שיינער רבֿ קאָן ניט אָפּט דערמאָנען אַלע נאַראָנים, אַז זיי זיינען, רחמנא לצלן, נאַראָנים. היינט, אַז איר וועט מאַכן חיים גראַוויצערן פֿאַר אַ שיינעם רבֿ, טאָ ווער וועט אייך וועגן דעם דערמאָנען? נאָר דערהויפּט — פּלוצלינג איז ער אויפֿגעשטאַנען און אָנגעהויבן מיט כּעס — וואָס האָט איר אייך פּראָים אָנגעקלערט קלויבן אַ רבֿ, ניט פֿרעגנדיג דעם רבי׳ן?! ווענדעט אייך אין ליובאַוויטש — מיר ציהען דאָך אַלע פֿון דאָרט אונזער גאַנצע חיונה. טוט נאָר אַ קוק, אָט וואָס אייזיק-מאָניש האָט נעכטן געבראַכט, קומענדיג צו פֿוס פֿון ליובאַוויטש. (ער

האָט געוויזן אויף אַ פּעקל כּתבים, וואָס איז אויפן טיש געלעגן).
לערנט מען זיי, הויבט זיך דער מוח — צו וואָס אונזער צייט האָט זוכה געווען! ווער זשע וועט אייך חזרן די הייליגע מאמרים? איר פאַרלאָזט זיך אויף גליקן, אויף אייזיק־מאָניש דעם קבצן, אויף חיים גראַוויצער דעם שכור. דער רבי וועט אונז שיקן אַ רב, וואָס וועט וועקן און שטילן אונזער דאָרשט פון יענעם הייליגן קוואַל, וואָס קוועלט פאַר אונזערע אויגן און שעפּט זיך גאָר ניט אויס. גוואַלד! נאַראָנים! האָבן געפונען מיט וועמען אין כּבוד צו שפּילן — שטאָט־נאַראָנים!

און כאָטש אַלע האָבן געוואוסט און דרך־ארץ'דיג גוטמוטיג געטראָגן זיין אומערבאַרמליך־פייערדיגע נאַטור, פלעגט דאָך אַלע מאָל נאָך א שמועס מיט אים ווערן עפּעס מאָדנע מאוים'דיג אויף דער נשמה.

אַלע, וואָס האָבן אים געקענט — און ווער האָט אים דען ניט געקענט — פלעגן, ניט וואָס מורא האָבן פאַר אים, נאָר עפּעס מאָדנע פאַר אים בטל ווערן. עפּעס איז אין אים אַלץ געווען אומגעוויינלאַך. אַ הויכער, כמעט גיגאַנטער וואוקס, מיט גרויסע מעכטיגע פלייצעס, מיט אַ הויכן, ברייט אייזערנעם שטערן, אונ־טער וועלכן ס'האָבן געקוקט טיפע שוואַרצע אויגן, מיט אַ לאַנגער געדיכט־שוואַרצער באָרד. זומער און ווינטער פלעגט ער גיין, ווי אַ פּולע חסידים, אין לאַנגע שטיוול, די הויזן פאַררוקט אין די כאָליעוועס. נאָר זיין אויפטרעטן, ווי אַלע זיינע באַוועגונגען זיינען אומגעוויינלאַך שאַרף און אַנטשלאָסן. אויף אַ חסידישן יומא דפגרא פלעגט ער טרינקען נאָר ריינעם ספּירט. און אַזוי, פלעגט ער טענה'ן, דאַרף די עבודה זיין ווי ריינער ספּירט, ניט אויף אַ האָר וואַסערדיג, ניט אויף אַ האָר! אָפט שיט ער נאָך צו צום שטאַרקסטן ספּירט אַ ביסל פעפער. און וואָס מער ער טרינקט, ווערט דער מוח אַלץ שאַרפער און קלאָרער, נאָר די אויגן ווערן טיפער און מאָדנע פייערדיגע. פלעגט ער ערשט

דעמאָלסט חזרן חסידות טאַקע אויף אַ ציקאַווע. ווערטער פאַלן ווי די אייזערנע קוילן און לעכערן אומערבאַרמליך אַדורך.

וואָלט שוין קיינער נישט געקאָנט זאָגן, אין וואָס אייגנטלאַך ווייזט זיך מער אַרויס זיין נאַטור — אין דעם אַנטשלאָסענעם, מסירת־נפש׳דיג שטרעבנדן געזיכט־אויסדרוק, אין דעם דונער־דיגן טעמבר פון זיין קול אָדער אין זיינע גוואַלדיג־שאַרפע רייד, וואָס הרג׳ענען אויפן אָרט.

אין שטעט און אין שטעטלאַך פלעגט מען שטילערהייט דערציילן:

ער, חיים גראַוויצער, האָט אַמאָל דעם רבי׳ן אַליין אומ־דערהערט מעיז געווען. דער רבי איז פון כעס אויפגעשטאַנען און אויף אים אָנגעשריגן:

— דו זאָלסט אַ גאַנצן יאָר אויפן שוועל מער ניט קומען...

חיים גראַוויצער האָט אפילו ניט אַ ציטער געטאָן און איז רו־היג אַרויס פון רבינס חדר.

ער איז דאַמאלסט אויף אַ גאַנצן יאָר נעלם געוואָרן. מ׳זאָגט, אַז ער האָט ערגעץ אין אַ דאָרף געקנעלט. דאָס איז געווען אַ אמת׳ער „גלות"־יאָר.

פונקט אין אַ יאָר אַרום איז ער אַ פאַרשמאַכטער געקומען אין ליובאַוויטש. אַז ער איז אַריין „מקבל־שלום" זיין, האָט אים דער רבי גלייך אַ פרעג געטאָן:

— חיים, האָסטו חרטה?

— ניין! האָט ער שאַרף אָפּגעשניטן.

דער רבי האָט געשוויגן. חיים האָט נישט געוואַרט און געזאָגט:

— בײַ אייך, רבי, האָב איך געלערנט ליב צו האָבן דעם אמת. וועל איך גאָר נישט ניט לייקענען און ניט פאַרשווייגן אי פאַר אייך, אי פאַר גאָט אַליין, כאָטש אפילו איבער דעם קאָן

אפשר ווערן מיט איין חיים גראַוויצער ווייניגער אויף דער וועלט...
אַ דאגה. אַ גרויסע!

דער רבי האָט אים גאָרניט געענטפערט. חיים האָט מסירת־נפש׳דיג געוואַרט, שטייענדיג מיט דרך־ארץ איינגעבויגן. באַלד האָט זיך דער רבי עטוואָס אָפּגעקערט און אויף זיין פּנים האָט זיך שוין באַוויזן די אומגעדולדיג־פּיינליכע מינע, וואָס האָט אויפן רבישן שטייגער געהייסן, אַז מען זאָל אים לאָזן צו רוה.

איז חיים שטיל אַרויס פון רבינס חדר. דאָס איז געווען דער ערשטער קבלת־שלום.

חסידים האָבן אים אונטער די אויגן גערופן חיים דער קאַלך־אויוון.

ער פלעגט צוויי־דריי מאָל אַ יאָר גיין צו פוס אין ליובאַוויטש אויף געוויינליכע שבתים. נאָר יעדעס קומען זיינס אין ליובאַ־וויטש איז כּמעט אַלע מאָל געווען אַ גרויס געשעהעניש, וועלכע פלעגט אָפּטמאָל לאָזן אַ מאוים׳דיגן רושם. האָט עס שוין פיל חסידים געצויגן אין ליובאַוויטש אויף דעם „גראַוויצערס שבתים״.

ווען חיים גראַוויצער איז נאָך דעם „גלות־יאָר״ געקומען אויפן ערשטן שבת אין ליובאַוויטש, איז זיך אָנגעפאָרן אַזוי פיל עולם, אַז מ׳האָט שוין געמוזט שבת עפענען דעם גרויסן זאַל.

מיט איינגעהאַלטענע אָטעמס האָבן אַלע געשפּירט נאָך חיים גראַוויצער . פון דעם ערשטן קבלת־שלום האָט מען זיך, גאָט ווייס ווי אַזוי, דערוואוסט. האָבן אַלע וועגן דעם גערעדט מיט דרך־ארץ׳דיגן שרעק, מיט יענער חסידישער מינע, וואָס האָט געקענט אַן ערך באַדייטן: דער גראַוויצער שפּילט זיך מיט פייער, נאָר ווער קען דען זיך אַריינמישן און ווער ווייס, וואָס וועט נאָך פאָרקומען.

פאַר מנחה איז חיים ערשט אַריין אויף „יחידות״ צום רבין. אין קליינעם זאַל איז דאַן אַ גרויסער עולם געווען. מ׳האָט שוין עפּעס געוואַרט מיט אימה׳דיגער אָנגעשטרענגטקייט. חיים האָט

זיך אומגעוויינלעך לאַנג אויף „יחידות“ פֿאַרהאַלטן. און אַז ער איז אַרויס פֿון רבי׳נס חדר, האָט בײַ אים דער פּנים געלויכטן. און ווי אַלע מאָל בשעת התפּעלות האָט ער הויך געאָטעמט דורך זײַנע ברייט געוואָרענע נאָז־לעכער.

— ווייסט איר, האָט ער זיך געווענדט צום עולם, וואָס דער רבי האָט מיר געזאָגט? ווי נאָר איך בין אַרײַן, האָט מיך דער רבי אַ פֿרעג געטאָן: חיים, דו מאַכסט אַלע מאָל אַ גרויסע שטרעקע דורך, ביז דו קומסט אין ליובאַוויטש. האָסטו דען קיינמאָל ניט געקלערט וועגן דעם ענין פֿון אַ וועג דורכמאַכן. אויף אברהם׳ען שטייט: הלך ונסע — ער האָט געהאַלטן תּמיד אין וועג. אין אַן אַנדער אָרט געפֿינען מיר: כּי תרכּב על סוסיך, אַז דו וועסט רייטן אויף דײַן פֿערדל. זעהסטו, דאָס פּראָסטע פֿערדל, נאָר געצוימט און געפֿירט פֿון אַ מענטשליכן רצון, ברענגט׳ס דעם מענטשן דורך גרויסע שטרעקעס און מרחקים אין דעם געווינשטן אָרט. נאָר עס שטייט: על סוסיך, אויף דײַן פֿערדל. וואָרום יעדער מענטש האָט זיך זײַן פֿערדל. דער פּשוט׳ער, ניעדריגער חומר, דער ברען פֿון פֿרעמדע תּאוות, נאָר געצוימט און געפֿירט פֿון דעם אמת׳ן רצון, ברענגט עס דורך שטרעקעס און מדבריות צום ארץ־החיים. ווען זשע, חיים, דאַרף מען אַלע צוימען ברעכן? אויב דו האָסט שוין דערגרייכט דעם ארץ־החיים! דאָרט קענסטו אַלע צוימען וואַרפֿן. וואָרום דאָרט פֿירן שוין פֿון זיך אַלע וועגן צו אים, צו אים אַליין. ס׳טראָגט דעם פֿערד גלײַך מיט דעם רײַטער. והחיות נושאות ונשאות — די חיות טראָגן און ווערן אַליין געטראָגן. און וואָס צעווילדעוועטער איז די חיה, אַלץ גיכער וועט זי קומען...

איז בײַ אַלעמען ווי אַ באַרג פֿון די פּלייצעס אַראָפּ. מ׳האָט זיך שוין שטילערהייט געפֿרייט. אַהאַ! דער גראַוויצער האָט אויסגעפֿירט. דער רבי איז טאַקע אַרויס פֿון באַהעלטעניש...

און אַרומגערינגלט פון עולם איז חיים געשטאַנען אין קליי־נעם זאַל און שטייענדיגערהייט האָט ער מיט זיין מאָדנע ברע־נענדיגע שאַרפקייט דעם רבי'נס תורה גע'חזר'ט. נאָר אין חיים'ן האָט זיך שוין עפּעס אָנגעצונדן און געגליהט. ער איז שוין אומ־באַמערקלאַך אַריבער צו אַ נייעם ביאור פון דעם אַלטן רבינס מאמר, וועלכן ער פלעגט תמיד חזר'ן און יעדעס מאָל אויף אַ נייעם אופן, מיט אַ נייעם ברען. דאָס איז דער גרויסער מאמר אויפן פסוק: כי ה' אלקיך אש אכלה — גאָט דיין גאָט איז פאַרניכטנ־דיגער פייער.

„...וואָרום מיט אַלע יסודות, מיט אַלע זאַכן קען מען זיך פאַראייניגן, בלייבנדיג צו זיי פרעמד און באַזונדער. טוקט אייך וויפיל מאָל אין וואַסער, גייט איר אַרויס און ווערט שוין באַלד טרוקן, גלייך ווי גאָר אין וואַסער ניט געווען. נאָר גייט מען אין פייער, ווערט מען שוין אויף אַלע מאָל פאַרברענט — ניטאָ שוין קיין „איך". דאָ איז איינס פון די צוויי: אָדער פון דער־ווייטן, אָדער בטל ווערן בתכלית הביטול... און אַז ה', גאָט ווערט אלקיך, דיין גאָט, איז ער אש אכלה..."

איז זיך שוין חיים פאַנאַנדערגעגאַנגען, און ווי אַלע מאָל, וואָס מער ער פאַרלירט דעם באָדן אונטער זיך, אַלץ פעסטער שטייט ער אויף די פיס, וואָס האַסטיגער ער טראָגט זיך, אַלץ מער באַהערשט ער זיך, אָט שטייט ער אַ גליהענדיגער מיט אָפענע אויגן און קאָווערט אויס ווי פון פייער, שלייפט און פאַרשאַרפט ברענענדיגע ווערטער און רעיונות, וועלכע שניידן זיך איין ממש אין דער נשמה.

פלוצלונג האָט ער זיך אַליין איבערגעריסן.

— וואָס שטייט איר ווי די נאַרן? דאָ אין ליובאַוויטש דאַרף מען דאָך ערשט נעמען דעם אמת'ן ביסל ספירט. דאָ קען שוין דער גוף זיין פאַר'שכור'ט, אומגעצוימט. וואָס מער ער וועט פאַרלירן, אַלץ מער וועט ער געווינען...

— נאָר אין ליובאַוויטש? האָט אַ פרעג געטאָן משה־מרדכי. דאָס איז געווען אַ פשוט׳ער חסידישער בעל־הבית, גאַנץ ווייט פון „אַ משכיל“ אין חסידות. אַלע טאָג נאָכן דאַוונען לערנט ער חק און אַ פרק תניא, קוים וואָס ער „ציאמעט“. „זאָגט“ מיט חשק זהר, צעברעכנדיג דערביי מיט גרויס התלהבות דעם צונג, נישט פאַרשטייענדיג איין וואָרט. נאָר אַ רירעוודיגער, פול מיט חסידישער דאָרשט און שמחה, פלעגט ער מיט אַ אָפענעם מויל הערן חסידות ביים רבין, ביים חוזר און ביי יעדן חסיד, וואָס לאָזט זיך נאָר הערן. און וואָס ווייטער דער מאמר פאַרגייט אין הויכע דרכים, אַלץ העכער הויבט ער זיך פון התפעלות. אָט אַזוי פלעגט ער פאַרשמאַכט איינזאַפן אין זיך דעם שטאַרקן ריח פון חסידות, וואָס פאַר׳שיכור׳ט אים, ווי שטאַרקער וויין. דערפאַר איז ער אָבער אַ שרייער, אַ קאָכלעפל, ניט קיין געדוּנגענער שמש אויף יעדער חסידישער יומא דפגרא, איז תמיד גרייט צו טראָגן אויף די פלייצעס ממש יעדן חסידישן שלעפער. און אַז חסידים טרינקען און זיינען זיך משמח, ווערט ער שוין, דוכט זיך, ניט טרינקענדיג, דערפון אַליין שכור.

— וואָס איז? מ׳האָט נאָר ערגעץ אַזוינע הייזער ווי אין ליובאַוויטש ניט געזעהן? נאָר דאָ איז אַ הייליגער קוואַל פון דברי־אלקים חיים. יעקב אבינו האָט מיט דער האַנט צוזאַמענ־גענומען גאַנץ ארץ־ישראל און געלייגט צוקאָפּנס. און ביי אַ אמת׳ן חסיד דאַרף תמיד ליובאַוויטש זיין צוקאָפּנס. בקיצור, וויינינגער רייד, מער שמחה און ספירט...

האָט, מעשה שטן, יענעם טאָג פאַסירט אַזאַ מעשה. ס׳איז אָנגעקומען אַ רייטער אין ליובאַוויטש מיט אַ פאַר׳חתמ׳עטן בריוו צום רבין. אין דעם בריוו האָט מען מודיע געווען, אַז אין פעַ־טערבורג איז אָנגעקומען אַ גרויסע מסירה אויף חבד, דערהויפּט אויפן רבין, און אַז אין פעטערבורג האָבן זיך שוין אָנגעהויבן גרויסע „דינים“.

נאָך מנחה האָט מען אַוועקגערופן חיים גראַוויצער און אַנדערע עלטערע חסידים אויף אַן אסיפה צום רבין. דאָרט זיינען אויך געווען דעם רבינס קינדער, שוין דאמאלסט גדולי ישראל.

דערווייל האָט זיך פון מויל צו מויל פאַרשפּרייט די ידיעה אין ליובאַוויטש. זיינען שוין אַלע געווען שטאַרק אויפגעטראָגן. דער הויפּט האָט ווי געטאָן דאָס האַרץ אויפן רבין. וואָס ווילן די פּושעי ישראל פון אים האָבן? דוכט זיך, זיי אַליין פאַלן פאַרן רבינס גאונות אין נגלה — זיי הערן דאָך ניט אויף שיקן צו אים שאלות ותשובות. נאָר גאָרנישט — עכברים האָבן מורא פאַר ליכט און באַהאַלטן זיך אין די לעכער, נאָר אַז עכברים קאָנען לערנען, ווי די מתנגדישע בעבקעס, קריכן זיי פון די לעכער און ווילן דאָס ליכט חלילה פאַרלעשן. אַזאַ קליפּה, רחמנא לצלן! מען זאָגט נאָך פון דעם אַלטן רבי ז"ל, אַז אַ קליפּה, וואָס טוט זיך אָן אין כח התורה, טאָר מען זי ניט ברעכן, ביז דער כח התורה אַליין וועט זי מעלה זיין...

דאָס איז געווען אין יענע שווערע צייטן, ווען אויף גאַנץ חבד האָט ניט אויפגעהערט צו שוועבן די מורא פאַר פּעטערבורג. אָט פון דעם אומגעלומפּערט-גויעשן, פיינטליך-רעטולהאַפטן און בייזערליך-געהויבענעם פּעטערבורג האָבן זיך נישט אויפגעהערט צו ציהען שוואַרצע וואָלקנס פון גזרות, דינים און „דאָפּראָסן". האָט דאָס ביי חסידים עפּעס מאָדנע פאַרשאַרפט און פאַרטיפט דעם חבדישן ברען פון מסירת-נפש'דיגער שמחה, וואָרום שמחה איז דאָך מבטל דינים און די גרעסטע גזרה קאָן נישט בייסטיין אַנטקעגן אַ אמת-חסידישע ביסל בראָנפן. נאָר דער רבי אַליין האָט עס געטראָגן אויף זיינע אויסגעהאָרעוועטע פּלייצעס. די לעצטע יאָרן האָט ער שוין אָפּגעשטעלט אַלע טאָג אַ האַלבע שעה, ווען ר' ליב, דער עלטערער זון, פלעגט אַריינגיין ריידן פון „עניני פּעטערבורג". טאַקע נאָר חסידים האָבן

געקענט פאַרשטיין, וואָס עס באַדייט ביים רבין אַ האַלבע שעה, אַ קליינינקייט, אַ גאַנצע האַלבע שעה! מ׳האָט נאָר די פּליי-צעס געהויבן — פון וואַנען נעמט זיך דאָס ביים רבין צייט און כח? דערמאָנט זיך נאָר, טויזנטער בריוון כּתבים גייען אַרויס פון זיין הייליגער פּען, אַליין מוז ער ענטפערן אויף הונדערטער הערבע שאלות, וואָס קומען אָן אַלע וואָך פון די גרעסטע לומדים און רבנים, וואָס קענען זיך נישט אַרויספּלאָנטערן און שטרעקן אויס די הענט נאָך די גאונישע תשובות פון דעם רבין. אפילו מתנגדישע גדולים מוזן צו אים אָנקומען. די גאַנצע וועלט מוז דער רבי אויפן קאָפּ טראָגן. דאָ בעט מען ביים רבין אַ רב פאַר אַ שטאָט און דאָרט אַ שוחט, דער רב קלאָגט זיך אויפן שטאָט, אָדער די שטאָט אויפן רבן; מ׳דאַרף מעביר זיין אַ שוחט. עפּעס אַ מעשה מיט אַ אַלטן בית-עולם, רדיפות פון מתנגדים, אַ שריפה אָדער, רחמנא לצלן, אַ מגפה, אַ שלעכטער פּרייז... מ׳קען עס דען אויסרעכענען? און אַז ס׳צעברענט זיך אַ מחלוקת אין אַ שטאָט, שטרעקן דאָך אויס ביידע צדדים די הענט צום רבין. און אַלע וואָך לויפן טויזנטער חסידים און סתם יידן קיין ליו-באַוויטש (מ׳פּאָרט שוין אפילו פון פוילן, גאַליציע און ארץ-ישראל) און יעדער טראָגט מיט זיך זיין פּעקל צרות צום רבין, צי אין רוחניות, צי אין גשמיות. עגונות זיצן וואָכן לאַנג ביים רבין און וויינען שוין ביי אים עפּעס אויס. היינט זיין דאַוונען, זיין לערנען, זיין מדריך זיין קינדער. און דאָ וואַרטן חסידים פאַרשמאַכט אויף חסידות, וואָס דער רבי זאָגט, אָפּט עטליכע מאָל אין וואָך שעהן לאַנג. יעדעס וואָרט — אַ בנין, יעדער מאמר — אַ גאַנצע וועלט. בשעת וואַרמעס לערנט דער רבי רמב״ם (יד החזקה) און דעמאָלט גייט אַריין די רביצן וויידן וועגן שטוב-זאַכן. שלאָפט שוין, ברוך השם, דער רבי קאַרגע עטליכע שעה אין מעת-לעת. וואָלט ער שוין כאָטש דאַן געהאַט געשלאָפן!

בשעת ס׳האָט געברענט אַנומלט דעם רבינס שטוב, האָט דער רבי געהייסן אַוועקטראָגן זיינע כּתבים צום אַלטן שוחט. האָבן חסידים דאָרט בגנבה געכאַפּט אַ קוק און דערזעהען: ביכער־כּתבים מיט צוויי רוקנס, פאַרמאַכטע פון ביידע זייטן. האָט מען ממש מורא געהאַט אָן זיי זיך אָנרירן.

דערפאַר האָט מען פאַרצאַפּלט געלייענט די אָפענע ביכער כּתבים פון חזיונות לילה. דאָס זיינען געווען גרויסע, דריי־פיר בויגנדיגע מאמרים, וואָס זיינען נתגלה געוואָרן דעם רבין אין חזיון לילה. די הייליגע עבודה פון דער נשמה האָט שוין, הייסט דאָס, אפילו אין שלאָף ניט אויפגעהערט.

דער רבי האָט אַמאָל געזאָגט, אַז אַ מענש ווערט נפטר און מ׳הויבט אים אָפּ אויף דער ערד, האָט דער נפטר דאמאָלסט ביז צו דער טהרה אַ פולע ליידיגע צייט אויף צו חזרן משניות.

און נאָך האַלבע נאַכט פלעגט דער רבי אָנטון די זיידענע שאַלקע, אַרויסגיין פון שטוב מיט אַ ליכט און גיין אונטער די פענסטער פון קינדער און חסידים זעהען, צי איז נאָך וואָר געבליבן שטיין אויף דער וואַך פון דער וועלט. אַלע גייען שלאָפן, פלעגט ער טענהן, און וועלטן בלייבן אַליין אין טיפן חושך. און דער־הערנדיג אַ התלהבות׳דיגן „חצות״, אָדער אַ דביקות׳דיגן לער־נען, פלעגט ער זיך ערשט דאמאָלסט אויף אַ ווײַלע צושפּאַרן.

און אין צייטן פון גרויסע גזרות האָט דער רבי געמאַכט אסיפות און געבעטן די חסידים זיך סטאַרען אין עבודה און אי־בערהויפּט ניט פאַרגעסן אין זיך און דער וועלט צו דער נאַכט, מ׳זאָל למע״ה ניט פאַרגעסן דעם ענין פון העומדים בבית ה׳ בלילות.

די אסיפה האָט זיך היינטיגס מאָל אַ ביסל פאַרצויגן. ווי מ׳האָט דערנאָכדעם דערציילט, איז דאָרט אָט וואָס פאָרגעקומען:

אויף דער אסיפה האָט חיים גראַוויצער די גאַנצע צייט גע־שוויגן, אַז די אסיפה האָט שוין כמעט געהאַלטן בײַם סוף, האָט דער רבי אַ פרעג געטאָן:

— וואָס שווייגסטו, חיים?

האָט זיך בײַ חיימען דער פּנים פון צער פאַרקרימט. ער איז ממש אויפגעשפּרונגען.

— ביז וואַנען וועלן מיר עס קענען טראָגן, אַז איבער אונז זאָלן יידן ווערן מוסרים און פּושעי־ישראל. וואָס איז די פּעולה, וואָס מיר ווערן נתעלה, אַז אַרום אונז זינקען יידישע נשמות, רחמנא לצלן, אין שאול־תחתיה. מילא, דער ווילנער האָט אונז פאַר קיין יידן ניט געהאַלטן, אָבער צייט דעם בעל־שם זכרונו לברכה ווייסן מיר, אַז צווישן זיי זיינען פאַראַן יראים ושלמים. פאַרוואָס זשע לאָזן מיר זיי פאַלן בעמקי הקליפּות. גוט, מיר וועלן איצט די מסירה מנצח זיין, אָבער איר טומאה וועט דאָך בלייבן שטעקן אין די נשמות פון די מוסרים. ביז וואַנען וועלן מיר דאָס קענען אַריבערטראָגן?.. ביז וואַנען, ביז וואַנען?

האָט אים דער רבי געענטפערט:

— אַזוי, חיים, איז דער רצון הבורא. נתאוה הקב״ה להיות לו דירה בתחתונים, אים, כביכול, האָט זיך געגלוסט נמשך ווערן דווקא דאָ בתחתונים ממש. דאָס איז דאָך דער ענין פון צמצום. און אַז זיין רצון האָט זיך אין דער וועלט אַראָפּגעבראַכט, איז שוין ממילא געוואָרן אַ וועלט, כביכול, פאַר זיך, אַ נפרד. מ׳קען דערהערן אלקות און מ׳קען חלילה ניט דערהערן. זה לעומת זה. און אַז אַ צדיק איז ממשיך אַ נייעם אור אויף דער וועלט, ווערט נתעורר אַ צד שכנגד, און דאָס אַליין איז דאָך אַ ירידה לצורך עליה...

נאָר חיים האָט זיך ניט באַרוהיגט.

— פאַרוואָס זשע קומט דאָס מיר צוליב דער עליה שטיין אַלע מיינע יאָרן אין אייער הייליגער מחיצה און אַ שקלאָווער מלמד, וואָס קנעלט און פאַסט דעם גאַנצן טאָג און לערנט די גאַנצע נאַכט, אויף די פיס שטייענדיג, אָט דער אויסגעווייקטער מלמד ווערט אויף דער עלטער אַ מסור און אויך צוליב דער עליה? פאַרוואָס זשע קומט דאָס מיר, פאַרוואָס?..

דער רבי האָט אַ ווײַלע דעם קאָפּ פאַרוואָרפן, דערנאָכדעם איז ער אויפגעשטאַנען, אַרויפגעלייגט די האַנט אויף חיימס פּליי־צעס און געזאָגט מיט אַ ציטערדיגן קול, מיטן האַרציגן ניגון פון חסידות:

— חיים, דאָס דאַרפן יידן תמיד אין זינען האָבן אין זייער תורה און תפילה. מ'מוז דערגרייכן צו דער אהבה פון בכל מאודך, וואָס איז אפילו העכער פון מסירת נפש. און אָט, אַז מען קומט צו דער מדרגה, איז מען ממילא ממשיך רחמים רבים אויף כללות העולמות, אויף כללות נשמות ישראל, די התגלות פון עצמותו ומהותו, ווערן שוין אַלע נשמות און אַלע עולמות גלייך נתעלה און בטל צו אלקות. דערפאַר איז חיב כל אדם לומר בשבילי נברא העולם (יעדער מענש איז מחויב צו זאָגן: פון מיינעטוועגן איז די וועלט באַשאַפן געוואָרן). יעדער ייד איז ערב פאַר דער וועלט, ווייל ער קען די וועלט מעלה זיין.

דער רבי האָט ווייטער פאַרוואָרפן דעם קאָפּ, דערנאָכדעם אַ קער געטאָן זיך און געזאָגט:

— יידן, הויבט אייך אויף און ראַטעוועט די וועלט מיט דער שמחה פון התגלות עצמותו...

האָט זיך חיים ניט וואָס באַרוהיגט, נאָר מאוים'דיג אָנגעצונדן.

דער צער, דער אינעווייניגסטער אומרוה זיינען ניט פאַר־שוואונדן, נאָר ווי ברען־פּולווער אויפגעפלאַקערט און האָבן שוין געוואָרפן די נשמה אין איינגעהאַלטענע התלהבות־קראַמפן. זיינע ליפן האָבן עפּעס מאָדנע געשמייכלט, אַרויסווייזנדיג

דאָרשטיג פֿאַרחלשטע צײַן. אויף דעם ברייטן בלאַס־געוואָ־
רענעם פּנים האָבן נאָר בלוטיג־רויטע פֿלעקן געשפּילט, און
אַרום די שלייפֿן האָבן זיך די אָדערן אָנגעגאָסן. ער האָט הויך
און שווער געאָטעמט דורך זײַנע ברייט־געוואָרענע נאָז־לעכער.
ער האָט ניט פֿילנדיג אַרײַנגעשטעקט בײדע הענט אין גאַרטל
און איז שוין ווי טיף פֿאַרשכורט קוים אויף די פֿיס אײַנגעשטאַנען.

און אַז חיים איז אַרויס אין קלײנעם זאַל, האָט ער שוין
געקוקט מיט אָפֿענע אויגן, קײנעם און גאָרנישט ניט זעהענדיג.
דער עולם, וואָס האָט געוואַרט מיט מעריב ביז מ׳וועט אַרויס פֿון
דער אסיפֿה, האָט זיך ערשט געשטעלט דאַווענען. חיים איז גע־
שטאַנען אין ווינקל מיטן פּנים צום עולם. ער איז געשטאַנען,
די הענט אין גאַרטל פֿאַרוקט, גליהענד אומבאַוועגלאַך. מ׳האָט
אין זײַן זײַט ניט געקוקט, נאָר אויף יעדנס פּנים איז שוין גע־
שטאַנען יענע באַהאַלטען־אָנגעשטרענגטע מינע פֿון מענשן,
וואָס וואַרטן מיט דרך־ארץ׳דיגער מורא און ציטערדיגער נײַגיר
אויף אַ וואונדער־שטורם, וואָס דאַרף אָט אויסברעכן. פּלוצלונג
האָט זיך חיים אומגעקערט מיטן פּנים צו דער וואַנט און האָט
זיך מיט דער רעכטער האַנט פֿאַרן קאָפּ אָנגענומען. האָט זיך
שוין אויפֿן קלײנעם זאַל אַ פֿײַערדיגער האָגל געשאָטן. האָט
שוין דער עולם הכנעה׳דיג שטיל ווײַטער געדאַווענט — חיימס
שטימע האָט אַלעמען צו דער ערד געבויגן. און אַז מ׳האָט אָפּ־
געדאַוונט, האָט מען זיך שווײַגנד און ציטעריג שטיל איבער־
געקוקט. דאָרט, אין ווינקל האָבן זיך הונדערטיאָריגע בוימער
מיט דעם וואָרצל אויסגעריסן. מ׳האָט זיך פֿאַרגאַפּט צוגעהערט:

אויף פֿריהער האָט זיך דאָס געזאַנג פֿון ברוסט אַרויסגעריסן,
מיט אַ אימה׳דיגן געפֿילדער זיך געלאָזט אין עק וועלט אַרײַן,
איז פּלוצים אָהנמעכטיג געפֿאַלן און זיך אויף טויזנטער שטיקער
צעבראָכן. און תּוך כּדי דבור זיך אויפֿגעהויבן, אַלע צעבראָ־
כענע גלידער אין זיך צונויפֿגענומען, זיך הכנעה׳דיג שטיל אײַנ־

געבויגן און געוויינט, געוויינט אָהן טרערן—זיך פאַרקייכט און אויסגעגאַנגען. פון וואַנען זשע האָט זיך עס געעפנט אַ ליכטיגער קוואַל פון שטורמישע בשורות, וואָס וועקן, רופן, בעטן... ניין, ניט דאָס, ניט דאָס! דאָס געזאַנג כאַפּט זיך אויף, גלייכט אויס מאוים׳דיג איר גיגאַנטן וואוקס, נעמט אָן די זיילן פון דער וועלט און קריצנדיג מיט די ציינער, פּאָדערט עס חוצפּה׳דיג: איין מאָל פאַר אַלע מאָל!

נאָר פון אינעווייניג טראָגט זיך אַ טיפע מסירת=נפש, אַ ברענענדע איבערגעבנקייט.

— מרא דעלמא כלא, פון מיינעטוועגן בעט איך גאָרנישט!

טונקעלע וואָלקנס לויפן אָן אויפן גיגאַנטישן שטערן. ניט דאָס, ניט דאָס! ער לויפט צו די הויכע בערג, דערלאַנגט אויפן שפּיץ פון שטיינערנעם פעלזן, פאַרליינגט אַ פוס אויף אַ פוס, שפּאַרט אָן דעם קאָפּ אויף די אייזערנע הענט און מעסט שוין מיט גיגאַנטישער געלאַסנקייט די הימלען, וואָס ציהען זיך אויפן קאָפּ, און די אייביגע אָפּגרונטן, וואָס געפינען זיך אונטן. נישטאָ שוין קיין אָטעם, דאָס האַרץ האָט שוין לאַנג אויפגעהערט קלאַפּן. ער טוט אויס די קליידער, וואַרפט אין אייביגן אָפּגרונט, און נאָך איידער זיי ווערן פאַרשוואונדן, זינקט ער אַליין אין דעם פאַרפאַלענעם תהום. און גאָט ווייס ווי אַזוי, דוקא פון דאָרט דערלאַנגט ער ערשט אַהין, וואו הימלען און אָפּגרונטן נעמען זיך אַרום און גייען אויס פון אויסוועלטליכן תענוג. אהבה רבה בתענוגים. יאָ, דאָס איז עס, דאָס איז עס!..

נאָך האַלבער נאַכט. דער עולם איז זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען, די ליכט אויסגעלאָשן. נאָר אויפן עמוד צאַנקט אַ קליין פלעמל. איין משה מרדכי איז אינם קליינעם זאַל געבליבן. ער קען זיך גאָר פון דעם ברענענדיגן ווינקל ניט אָפּרייסן. ער הערט זיך איין פאַרגאַפט, שטעלן זיך אים די האָר קאַפּויר און אויפן רוקן לויפן אַרום שטעכעדיגע נאָדלען. ער איז בטל

און צעמישט. שטייט ער אַרום עמוד אָנגעבויגן און זאָגט שטי־לערהייט תהלים אין גרויס אימה ופחד. פּלוצים דערהערט ער עפּעס אַ מאָדנעם שאָרך אַרום טיר. משה מרדכי קערט אום דעם קאָפּ און בלייבט בפועל ממש שטיין ווי פאַרגליווערט. ס'האָט זיך באַוויזן אַ שוואַכע ליכט, וואָס גייט פון דער רעכטער טיר און טראָגט זיך לאַנגזאַם כמעט ביז צום מיטן זאַל.

דער רבי האָט פּאַמעלאַך אַנידערגעשטעלט דאָס לאַמ־טערנדל אויף דער ערד, זיך געזעצט אויף אַ עק באַנק און עטוואָס איינציהענדיג דעם קאָפּ אין די הייליג־אויסגעהאָרעוועטע פּלייצעס, האָט ער זיך שטיל צוגעהערט צו דעם ברענענדיגן ווינקל.

— משה מרדכי, האָט דער רבי צו אים פאָרזיכטיג שטיל אַ וואונק געטאָן.

שטייט ער אָבער, ווי צוגעקאָוועט, מיט ווילד אויסגעגלאָצטע אויגן און קען זיך פון אָרט ניט רירן, אַזוי האָט ער זיך פון גרויס התפּעלות פאַרלאָרן. דער רבי איז פּאַמעלאַך אויפגעשטאַנען, אויפגעהויבן דאָס לאַמטערנדל, איז צוגעגאַנגען האַרט צו משה־מרדכין.

— למען השם, זאָלסט אים נישט שטערן. מ'האָט שוין למעלה לאַנג אַזאַ תפלה ניט געהאַט. כ'בעט דיך, למען השם!

דער רבי איז פאָרזיכטיג שטיל אַרויס מיט דער אויסגאַנגס־טיר צום גאַס. האָט שוין דאָס ליכטיגע לאַמטערנדל פון יענער זייט טיר דאָס פאַרשלאָפענע פינסטערניש שטיל געוועקט און באַלויכטן...

---

אָט אַזוי איז דורכגעגאַנגען דער ערשטער טאָג פון חיימס קומען קיין ליובאַוויטש נאָכן „גלות־יאָר“. די אמתע באַדייטונג פון דעם טאָג האָט מען ערשט שפּעטער פאַרשטאַנען.

באַלד האָט זיך אָנגעהויבן דער „גרויסער שבת“. ווער ס׳איז נאָר געווען דאמאָלסט אין ליובאַוויטש, דער קאָן שוין דאָס גאַנצע לעבן זיינס דעם שבת ניט פאַרגעסן, דערהויפּט דעם שבת־פאַרנאַכט.

ווער ווייס, ווי אַזוי חבדניקעס פאַרברענגען אַ שבת־פאַר־נאַכט אין ליובאַוויטש?

## II.

נאָך איידער ס׳צינדט זיך אָן דער מעריב אויפן הימל, קלייבט מען זיך, על פּי רוב, אין קליינעם זאַל. ביי אַלעמען זיינען שבת׳דיג אָנגעשטרענגטע פּנימער. די שוין אָפּגעשוואַכטע שבת׳דיגע זון נייגט זיך צו דער ערד. די מאכלים, וואָס האָבן אינדערפריה אַזוי גע׳טעמ׳ט און געקוויקט, שטייען איצט אונטערן האַרצן. אין מויל איז טרוקן און זויער. און באַהאַלטענער־הייט צוקט די נשמה און פרעגט שוין שטום: אויף וואָס איז דער שבת, אַז נאָך אים קומט די זעלבע וואָך, וואָס פאַר אים, וואָס זשע האָט ער, דער שבת, דאָ אויפגעטאָן? אָ, ניין! אַזוינע שאלות קומען ניט אַרויף אויף דעם שאַרפן חבדישן מוח, און וואָלטן זיי נאָר אַרויפגעקומען, וואָלט מען אָהן תירוצים זיי אויף שטויב צעריבן. נאָר פון יענער זייט מוח צאַפּלט זיך די פאַר־שמאַכטע נשמה און הערט ניט אויף, אויף איר שטייגער, צו פרעגן טאַקע אָט די מאוימ׳דיג־פּשוטע שאלה.

די אָפּגעשוואַכטע שבת׳דיגע זון נייגט זיך אַלץ נעהענ־טער צו דער ערד. ס׳איז שוין צייט מנחה דאַווענען. די צאַ־פּלדיגע נשמה קלאַמערט זיך, בעט זיך...

— ...אתה אחד, דו ביזט, רבונו של עולם, איינער, ושמך אחד, און דיין נאָמען, רבונו של עולם, איז איינער, איין און איינציגער...

דערווייל צינדט זיך אָן דער מערב אויפֿן הימל און אין זיין פֿייערדיגן שוים הויבט זיך אָן די גסיסה פֿון דער שבת׳דיגער זון.

טונקעלע בליקן קלעטערן אויף די ווענט און שמייכלען אַזוי טרויעריג:

— די גסיסה, די גסיסה — פֿאַרפֿאַלן!..

וואָס? פֿאַרפֿאַלן? אָ, ניין! חבדניקעס וויסן נישט פֿון קיין פֿאַרפֿאַלן! דער זאַל איז געפּאַקט. פּלייצע בײַ פּלייצע און קאָפּ אויף קאָפּ — אַ אייזערנע וואַנט. און פֿון יענער זייט טיר זיצט ער, דער רבי — באַלד וועט ער אַרויס צום עולם מיט אַ נייער תורה, אַ נייער בשורה פֿאַר דער וועלט. דערהויפּט זיינען דאָך אומעט און צער אַ שטאַרקער, אמת שטאַרקער, ווייַן, פֿון וועלכע נאָר שוואַכע נפשות מיט ווייבערשע מוחות פֿאַרהוסטן זיך און פֿאַלן פֿון די פֿיס.

און דערווייל טראָגן זיך פֿון הונדערטער ברוסטן שלש־סעודות׳דיגע זמירות מיט דעם עכטן חבדישן נגון. מ׳זאָגט, אַז דאָס איז ר׳ הלל פֿאַריטשערס נגון.

און דער נגון נעמט זיך לכתחילה פֿון יענער זייט מוח און הויבט שוין אָן אויפֿן חבדישן שטייגער אָפּן און שאַרף. דער מונ־טערער נגון באַהאַלט נישט זיין גרויסן צער און אומעט. מיט איינגעהאַלטענע טרערן דערציילט ער:

— די קינדער פֿון היכל, וואָס גלוסטן צו זעהן די לויטער־קייט...

ניט קיין אומעט, נאָר אַ ברענענדיגע פֿאַרשמאַכטקייט, וואָס איז פֿול פֿון אומערטרעגלאַכע יסורים. אומערטרעגלאַך!

דער נגון טענהט, מאָנט, בעט רחמים, וויינט און פֿאַרגייט זיך. ער איז שוין דוכט זיך אין עצבות אַריינגעפֿאַלן. עצבות? אָ, ניין!

אָט איז ער, דער חבדישער ברען. ער האָט זיך שוין אַ קער געטאָן און, אַריינפֿאַלנדיג אין עצבות, האָט ער שוין פֿון איר

גופא, פון דער שוואַרצער קליפּה אַליין, אַ נייע, ליכטיגע שמחה אַרויסגעזויגן. דערזעלבער טרויער איז שוין מיט אמת׳ער שמחה אָנגעזאַפּט:

— זאָלן זיי זיין דאָ, אין דעם קרייז, וואָרום אין אים זעהט מען דאָך דעם מלך אין גרויסער שמחה...

— בּגילופין, בּגילופין... דער נגון פאָרט שוין רייטנדיג אויף דעם אומעט, שפּרינגט איבּער טאָל און בּערג. ווי די שאָטנס פאַרשווינדן טונקעלע שלייערס פון די וועלטן. און אין דער ליכטיקייט פון אַנטפּלעקטע סודות עפענען זיך נייע אוצרות אין דער נשמה.

— חזו חילי — זעהט נאָר מיין קראַפט, פרייט זיך די נשמה און יובּלט. און פון דער גרויסער שמחה ציהט זיך אינעווייניג אַ גרויסער זיסער אומעט, וואָס קרעמפּעוועט די נשמה און קרעפּ־טיגט זי, ווי שטאַרקער וויין.

דער נגון האָט זיך נאָר וואָס געענדיגט און אויף זיין אָרט, און פון אים וואַקסן אויס נייע, שטאַרקע, חבּדיש־העזה׳דיגע נגונים.

אין זאַל איז שוין שטאַרק בּין־השמשות׳דיג. טונקעלע שאָטנס האָבּן זיך פאַראייניגט, און זיך ווי אַ שוואַרצע שווערע לאַסט געלייגט אויפן הימל, אויף דער ערד און אויף די פענסטער פונם קליינעם זאַל.

נאָר אַריינדרינגענדיג אין קליינעם זאַל ווערן זיי שבּת׳דיג פאַרדרייט אין דעם שטורמדיגן חבּדישן וויכער. גאָט ווייס ווי אַזוי האָט דער זינגענדיגער עולם דערהערט אַ שאָרך בּיי דער טיר פון דער רעכטער זייט. דער קליינער זאַל איז פּלוצלונג דרך־ארצ׳דיג פאַרשטומט געוואָרן. דער רבּי איז אַרויס צום עולם אָנגעטאָן אין שניי־ווייסן אַטלאַס. ער האָט זיך רבּיש שטיל געזעצט און אָנגעהויבּן זאָגן. שטייען שוין אַלע עטוואָס אָנגעבּויגן און טרינקען פאַרשמאַכט זיינע ווערטער. ווער קלערט

דען פון בין־השמשות?! אַ ברירה האָט ער דען, דער שבת? ס׳מעג שוין שטאַק נאַכט ווערן — דער שבת וועט שוין פון קליינעם זאַל ניט אַוועקגיין. ער אַליין שפּרייט אויס זיינע ווייכע, צאַרטע פליגל אויפן קליינעם זאַל און הערט פאַרגאַפט דעם רבינס תורה.

און אַז דער רבי ענדיגט, איז שוין אין זאַל שטאַרק־פינצטער. וואָלט עס שוין עמיצן אַ האַר טון! אדרבא, זאָל זי קומען די וואָך! חסידים וועלן שוין אַנטקעגן איר באַשטיין. מ׳דאַוונט מעריב מיט גרויס לעבעדיקייט און התעוררות. און נאָך איידער מ׳זאָגט אָפּ עלינו, צינדט מען אָן אין קליינעם זאַל אַ וואָכנדיק ליכטל.

— אַ גוטע וואָך, אַ גוטע וואָך... שמייכלט דער קליינער זאַל מיט חבדישער חוצפה.

און נאָך הבדלה פאַרציהט מען זיך, ווער מיט אַ ליולקע, ווער מיט אַ ציגאַר טיטון. מ׳חזרט דעם רבינס מאמר. צע־גאַרטלט מען זיך, יאָ, מ׳רעדט שוין פון אַ אמת ביסל בראָנפן.

---

נאָר אין דעם גרויסן גראַוויצערס שבת האָט דאָס אַלץ גאַנץ אַנדערש אויסגעזעהן. חיימס דאַוונען אַליין האָט אַלע־מען אויפגעבראַכט. די גאַנצע צייט האָט ער ניט גערוהט. אָדער ער האָט געדאַוונט, אָדער געהערט חסידות, אָדער געחזרט חסידות, אָדער גענומען אַ חסידישן ביסל בראָנפן עפּעס גאָר אויף אַן־אַנדער אופן.

בכלל, האָט ער דאמאָלסט אויסגעזעהן נאָכן „גלות יאָר“ ווי אַ דאָרשטיגער, וואָס האָט זיך נאָך לאַנגע דאָרשט־סיגופים צוגעכאַפּט צו אַ פרישן וואַסער־קוואַל. טאַקע נאָר אַ קליי־ניקייט — אַז חיים דער קאַלך־אויוון ווערט נאָך אַ דאָרשטיגער!

נאָר עלטערע חסידים האָבן טיפֿער געקוקט. זיי האָט שוין אויסגעוויזן, אַז חיים שלאָגט זיך מיט אַלע כּוחות צו צערייסן עפּעס אַ שווערן גזר־דין, צעבּרעכן אַ אײַזערנע וואַנט, וואָס איז פֿאַר אים אַפּנים שוין אויסגעוואַקסן. מ׳האָט, פֿאַרשטייט זיך, וועגן דעם גערעדט מיט רמזים, מיט האַלבּע ווערטער, וועלכע יונגע לייט האָבן ערשט אַפּולע שפּעטער דערנאָכדעם פֿאַרשטאַנען.

נאָך שבּת׳דיגן וואַרמעס איז חיים גלייך אין גרויסן זאַל געקומען. דאָרט איז זיך שוין דער עולם צוזאַמענגעקומען. האָט ער פֿאַר דעם עולם געחזרט עפּעס גאָר אויף אַ נייעם אופֿן זיין באַליבּטן מאמר: כּי ה׳ אלקיך אש אכלה.

ער האָט אָנגעהויבּן ריידן וועגן דעם ענין פֿון גחלים לוחשות. דאָס הייסט, פֿייער, וואָס פֿלאַקערט נישט, בּרענט נישט אין פֿלאַמען, נאָר גליהט אין זיך שטילערהייט. יעדער פֿייער הויבּט זיך אָן מיט אַ בּרען און מיט אַ פֿלאַם, וואָס זיינען, דוכט זיך, גרייט די גאַנצע וועלט איינשלינגען. נאָר די גרעסטע פֿלאַמען ווערן פֿריהער אָדער שפּעטער דערשטיקט און אויף זייער אָרט בּלייבּט אַ קאַלטער מיסט פֿון עבר־בּטל׳דיגן אַש, פֿון שוואַרצע אויסגעלאָשענע האָלאָוועשקעס, וואָס קענען און דאַרפֿן זיך ערשט אָנצינדן. אָבּער אין דעם מיסט טיף בּאַהאַלטן ליגן שטילגליהענדע קוילן. דאָס איז דער בּלייבּנדער פֿייער־תּמצית פֿון דעם גרויסן פֿלאַם, דאָס זיינען די גחלים לוחשות, וואָס קענען ערשט אַרויסרופֿן אַ נייעם פֿייער. דאַרף מען אין יעדער התלהבות זוכן דעם בּלייבּנדיגן פֿייער־תּמצית, די אינעווייניגסטע גחלים לוחשות. און יעדער טאָג האָט זיך זיין בּרען און זיין פֿלאַם. און נאָר די שטילע בּין השמשות׳דיגע מנחה טראָגט אין זיך די גחלים לוחשות פֿון דעם טאָג...

חיים זיצט פֿאַררוקט די הענט אין גאַרטל מיט בּרייט געעפֿנטע אויגן, וואָס בּאַקומען עפּעס אַ מאָדנעם פֿייכטן גלאַנץ. דער הויכער בּרייטער שטערן לאָזט זיך גאָרנישט קנייטשן. און

די לאַנגע שוואַרצע באָרד ציהט זיך רוהיג אויף דער אייזערנער ברוסט. ווי אַלע מאָל שניצט ער און טאָקט זיינע ווערטער מיט יענער גליהענדער רוה, פון וועלכער ס׳פאַרכאַפּט דער אָטעם. און אַז ער טוט אין מיטן די רייד אַ ציטער און הויבט אָן זינגען, כאַפּט אונטער דער גאַנצער עולם שטיל זיין נגון, וועלכער פּילט זיך וויאַ טייל פון מאמר. און אין רעכטן מיטן נגון הויבט ער אָן צו זאָגן ווייטער:

— ...דאָ זיינען אָנגעזאַמלט די פאַרבאָרגענע רגעים, וואָס גליהען אין זיך שטילערהייט. און טאַקע דערפאַר איז אליהו לא נענה אלא בתפלת המנחה — דאָס הייסט, אליהו איז דער־הערט געוואָרן נאָר אין דער תּפילה פון בין השמשות. וואָרום דערהערט ווערן הייסט דאָך באמת אַליין דערהערן. און שבת איז דער רוה־טאָג, די גחלים לוחשות פון דער גאַנצער וואָך, דער בלייבנדער פייער־תּמצית, די תּפילה בלחש פון אַלע טומל־טעג. און צו מנחה ווערט שבת אַליין אויך נתעלה צו דעם תּוך און שורש פון מנוחה. ס׳גליהען די גחלים לוחשות פון שבת. דאָס איז שוין די מדרגה פון שבת־שבתון. קאָן שוין יעדער ייד אין זיך און פון זיך דערהערן די מדרגה פון רעוא דכל רעוין, דער רצון פון אַלע רצונות, אור אין סוף פון פאַרן צמצום, און דאָס איז דער ענין, וואָס...

אַזוי לאָזט זיך חיים אַוועק אַלץ טיפער און ווייטער. ביז ער הויבט שוין אָן קונציג טאַנצן אויף אַלץ דינערן גלאָז. און מיט אַזאַ מסירת־נפש׳דיג איינגעהאַלטענעם אַנטציקן, אַז דער עולם טראָגט זיך מיט אים און באַמערקט נישט, ווי די צייט גייט דורך.

ס׳איז אַ שטאַרקייט צו זאָגן, אַז מ׳האָט דאמאָלסט אין ליו־באוויטש אפשר צום ערשטן מאָל פאַרזוכט דעם טעם פון בין השמשות...

און וואָס נידעריגער די שבת׳דיגע זון נייגט זיך צו דער ערד, אַלץ העכער הויבט זיך דער שטיל גליהענדער בין השמשות

אין דער נשמה. האָבן שוין פון יענער זייט מוח אָנגעהויבן גליהען די גחלים לוחשות פון דער בין־השמשות׳דיגער פאַרשמאַכטקייט.

חיים דאַוונט אַליין פאַרן עמוד מנחה. ווי אַלע מאָל שטייט ער פאַרן עמוד מיטן טלית אויף די פּלייצעס, ניט אַראָפּנעמענדיג דאָס היטל פון דער יאַרמלקע (אַז מ׳פרעגט אים אַמאָל וועגן אָט דער מאָדנער אויפפירונג, גלייכווערטלט ער זיך: ער וויל פאַרגאָט דאָס היטל ניט אַראָפּנעמען). און ווייטער דאָס זעלבע: מ׳האָט ערשט א פולע שפּעטער פאַרשטאַנען, אַז דער שטן קען טאַקע אַזאַ מנחה ניט פאַרשווייגן. מ׳האָט ניט נאָר געהערט, נאָר בפועל ממש געזעהען יעדעס וואָרט מיט אַלע זיינע אינעווייניגסטע וועלטן און אַנטפּלעקטע סודות.

— אתה אחד ושמך אחד... זעהט די נשמה, כביכול, דעם גאַנצן „אתה“, דעם גאַנצן „אחד“. ממש, וואָס מ׳רעדט אין חסידות, די מדרגה פון וכל העם רואים את הקולות, דאָס פאָלק זעהט יעדן קול מיט אַלע זיינע אינעווייניגסטע אוצרות. נאָך היינט, אַז מען דערמאָנט זיך, הויבט זיך דער מוח. נאָר דאַמאָלסט האָט מען זיך נישט געוואונדערט. די נשמה איז זיך נאַטירלאַכערווייז אויסגעגאַנגען אין דער גליהענדיג־בין־השמשות־דיגער תשוקה, ווי די זון גייט אויס נאַטירלאַך אין דעם שטילן שקיעה־פייער, וואָס אויף מערב־זייט הימל.

און וואָס טונקעלער ס׳ווערט אינם גרויסן זאַל, אַלץ טיפער און טיפער דרינגט דער בין־השמשות אַריין אין דער נשמה. מ׳פילט שוין נישט די ענגשאַפט און שטופעניש. אַזאַ עם רב האָט מען שוין לאַנג ניט געזעהן. ס׳איז ניט געווען וואו אַ נאָדל אַריינצושטעקן. מ׳שטופּט זיך, משה מרדכי געוואַלדעוועט, לייגט קלאַפּטער, מאַכנדיג מיט אַלע כחות אַ וועג פאַר עלטערע חסידים. דערווייל האָט מען שוין אָנגעהויבן זינגען דעם שלש־סעודות׳דיגן „בני היכלא“. און אַ טשיקאַווע זאַך. דוכט זיך, דערזעלבער

ר׳ הלל פֿאַריטשערס נגון, נאָר מען דערקענט אים גאָר ניט. דער אָנגעפּאַקטער גרויסער זאַל זינגט ווי איין מענש, נאָר חיימס געמבע טראָגט זיך ווי אַ שטורם איבער אַלע קולות און צינדט אָן אויף זיין שטייגער דעם גאַנצן זאַל מיט דעם נגון צוזאַמען.

מיט באַהאַלטענער העזה׳דיגער איינשטעלעניש גייט דער נגון פּאַמעלאַך מיט פֿאָרזיכטיג שטילע, נאָר אייזן-שווערע טריט צום סאַמע רעכטן אָפּגרונט:

— די היכל-מענשן, וואָס גלוסטן צו זעהן די לויטערקייט.

## כאָטש דערזעהן! כאָטש איין טראָפּן טוי!

דער נגון בייגט מיט אימה זיין גיגאַנטישן וואוקס. פֿאַר-וואָלקנט ווערט דער פּנים און פֿון ברוסט רייסן זיך קולות פֿון מאוים׳דיגער פֿאַרשמאַכטקייט. נאָר אינעווייניג, אין זיך, לאַכט ער, דער נגון, לאַכט אַזוי ליידנשאַפֿטלאַך. תּוך כּדי דבּור האָבן זיך אַ הויב געטאָן די ברייטע פּלייצעס. וואו איז ער דען, דער אָפּגרונט? ס׳גיסט זיך דאָך ליכט פֿון אַלע זייטן, אויף אַלע ליפּן פֿלאַטערט דאָך דאָס הייליג-גרויסע נצחון-ליד.

— זאָלן זיי זיין דאָ, אין דעם קרייז, וואָרום אין אים זעהט מען דעם מלך אין גרוים שמחה.

— בגלופֿין, בגלופֿין! דער נגון דערגרייכט שוין צו דער אינעווייניגסטער שטילקייט פֿון דעם שמחה-שטורם. און אין דער נשמה גליהט שוין די שמחה אין זיך שטילערהייט. גחלים לוחשות פֿון בין-השמשות׳דיגער שמחה.

אָט אַזוי ענדיגט זיך ר׳ הלל פֿאַריטשערס נגון. האָט זיך תּוך כּדי דבּור אַ נייער שטורם אויפֿגעריסן. מ׳זינגט שוין דעם באַקאַנטן חיים גראַוויצערס נגון, וואָס איז ממש ווי פֿון פֿייער אויסגעקאָוועט. דער גרויסער זאַל וויגט זיך. חיימס שטימע רעש׳ט ווי אַ דונער. אין דעם גרויסן זאַל האָבן די גחלים לוחשות אַליין אָנגעהויבן פֿלאַקערן. דער זינגענדיגער עולם האָט אויך

איצט אָגט ווייס ווי זאַוי דערהערט אַ שאַרף ביי דער זייטן־טיר. ווערן שוין אַלע אין דרך־ארץ׳דיגער אימה פאַרשטומט. נאָר איין חיים גראַוויצער קאָן זיך ניט אָפּרייסן פון דעם שטורם־פייער. און טוט נאָר אַ קוק! דער רבי איז אַרוים צום עולם אָנגעטאָן ווי אַלע מאָל אין שניי־ווייסן אַטלאַס, ער האָט זיך שוין געזעצט און אַפילו די אויגן פאַרמאַכט—און חיים שטייט, די הענט אין גאַרטל פאַר־רוקט, קוקט דעם רבין גלייך אין פנים אריין און זיין געמבע הערט נישט אויף צו פלאַקערן. וואָס וועט דאָ זיין? קיינער וואַגט נישט חיימען אָפּצושטעלן. דער רבי פאַרמאַכט מיט דער רעכ־טער האַנט די אויגן און זיין פנים איז שוין בלאַסער פון דעם ווייסן אַטלאַס, וואָס אויף אים. פלוצים איז חיים אַנטשווינגן גע־וואָרן, בלייבנדיג שטיין אומבאַוועגלאַך, ווי א גליהענדיגער מאָנו־מענט. איז שוין אויפן רבין אַ מאָדנע שטילקייט געקומען. ער לייגט פאַמעלאַך די הענט אויף די קניה און הויבט אָן זאָגן אויפן פסוק פון שיר־השירים: קול דודי הנה זה בא — אָט איז ער געקומען דער קול פון מיין געליבטן, מדלג על ההרים, ער שפרינגט איבער בערג...

...יעדער באַרג הויבט זיך פון דער ערד. גייען שוין אַ פולע מדרגות. פאַראַן הויכע, העכערע און נאָך העכערע בערג — עד רום כל המעלות. שוין אפילו הררי עד — בערג, וואָס דערלאַנ־גען אין זייער הויכקייט אין נצחיות. און אַז מ׳קומט צום הר הבית וואַרפט מען אַראָפּ די שיך. דאָס הייסט מ׳דערלאַנגט צו דער מדרגה פון של נעליך, דאָרט וואו ס׳האָט זיך אָנגעהויבן דער גלוי אלקות ביי משה רבנו. נאָר די בחינה פון „קול דודי“ איז מדלג איבער די אַלע מדרגות הרים. קול דודי, דער קול פון מיין געליבטן, דערלאַנגט נאָך העכער פון אַלע העכסטע בערג. פאַר־שטיין דעם ענין דערפון, דאַרף מען זיך פריהער מתבונן זיין אין דעם גאַנצן ענין פון סדר ההשתלשלות, וואָרום...

נאָך דעם שטורמישן טאָג רוהט אָפּ די נשמה אין דעם רבינס מאמר. די ווייכע, איידעלע פּאָסטעמקעס, די הייליגע שטילקייט און גאונישע פּראָסטקייט ווייזן אַרויס בחוש דעם רבינס גרויסקייט. חיים שלאָגט דורך מיט אַלע כחות אייזערנע ווענט, וועלכע פֿאַרשווינדן אָבער עפּעס ווי אַליין, פֿון זיך, פֿאַרן רבין. דאָס איז די הייליג אויסגעהאָרעוועטע גאַנצקייט, די אינעווייניגסטע שלמות, פֿאַר וועלכע ס׳עפֿענען זיך טיר און טויער.

חיים איז אַ מאוימ׳דיגער זעלנער, וואָס לאָזט ניט אַרויס די שווערד פֿון דער האַנט, דער רבי אָבער איז מלכות׳דיג רוהיג און נעמט איין וועלטן מיט אַ שמייכל. איינמאָל ביי אַ שמועס וועגן דעם האָט חיים אַ זאָג געטאָן דעם באַקאַנטן גמרא־אויסדרוק, דערביי שניצנדיג אויף זיין שטייגער יעדעס וואָרט.

— איר האָט אַפּנים, פֿראַים, פֿאַרגעסן די גמרא: כאָטש אפילו ס׳גייט פֿייער פֿון הימל, איז אָבער אַ מצוה צו ברענגען אָדער אַרויסצוברענגען פֿייער פֿון אַ הדיוט, פֿון אַ פּראָסטאַק. וואָרום, פֿאַרשטייט איר, אין דעם פּראָסטאַק און דורך אים וואַקסט ערשט אויס די גאַנצע חיונה פֿון דעם הימלס־פֿייער...

למאי זאָל מען ריידן — דער רבי האָט טאַקע דאַמאָלסט אַנדערש געזאָגט און מ׳האָט אים נאָר אַנדערש געהערט...

און טאַקע ווייטער דאָסזעלבע. ניט מ׳הערט, נאָר מ׳זעהט די גוואַלדיגע גילוים פֿון דעם רבינס מאמר. די אומדערגרייכבאַר הויכע בערג:

הויכע, העכערע און נאָך העכערע. די הררי־עד, וואָס שפּאַלטן אייביגע הימלען, און די נשמה אינעווייניג זעהט דעם קול דודי, וועלכער טראָגט זיך איבער אַלע בערג, וואָס ווערן אין אים פֿאַרשוואונדן, פֿאַרשלונגען... און טוט נאָר אַ קוק! מיט איין בליק כאַפּט מען אַרום דעם גאַנצן סדר ההשתלשלות. די נשמה זעהט, כביכול, דעם קוואַל אַליין. ס׳וואַרפֿן זיך שוין בליקן פֿון יענער זייט קוואַל און אין דער נשמה גיסט זיך שוין ליכט,

וואָס איז אָהן אַ אָנהויב און אָהן אַ סוף, און איז דוקא דער מקור פון אַלע אָנהויבן און סופן...

קיינער וואָלט ניט זאָגן ווי לאַנג האָט דעם רבינס מאמר געדויערט. אפשר גאָרניט, און אפשר אייביג — אַלץ איינס! און אַז דער רבי ענדיגט איז שוין שטאַרק נאַכט אויף דער וועלט. מ׳גלייכט אויס די איינגעבויגענע פלייצעס, תקיפ׳דיג שטעקט מען די הענט אין גאַרטל. די נשמה איז שוין אינעווייניג אויסגעוואַקסן — פון איר אָטעם אַליין וועט שוין די וואָכעדיגסטע נאַכט שבת׳דיג ווערן. מ׳דאַוונט מעריב מיט חבדיש העזה־דיגער דביקות. די אָנגעזאַמלטע עקסטאַזן פלאַטערן אומגעדולדיג. זאָל זי נאָר קומען, די וואָכעדיגע נאַכט — מ׳וועט זי שוין אַדורכגליהען, אַרומנעמען און פאַרדרייען אין אַ חבדיש חוצפה׳דיגן וויכער.

חיים דאַוונט פאַרן עמוד. דאָס היטל פאַררוקט אויפן פּאָטיליצע, עפּעס גאָר רחבות׳דיג.

— אַ גוטע וואָך, אַ גוטע וואָך! די באַהאַלטן־גליהענדיגע, שבת׳דיג געפּענטעטע שמחה רייסט זיך אומגעדולדיג אַרויס אין דער פרייער וואָכעדיגער לופט. אָט באַלד, דוכט זיך, וועט זי די וועלט פאַרפלייצן. אין גרויסן זאַל איז ליכטיג, פריי און היימיש.

אַנדערע לויפן אויף די אכסניה׳ס און ברענגען צום רויכערן. משה מרדכי טומלט זיך. ער האָט שוין פון ערגעץ גאַנצע הויפנס טאַבאַק באַקומען און „טיילט״ איין דעם עולם ציגאַרן מיט דער פריילאַך־צעטראָגענער מינע פון אַ מחותן, וואָס טיילט לעקאַך.

דער עולם גייט זיך ניט פאַנאַנדער. ניט ס׳ענדיגט זיך, נאָר ס׳הויבט זיך ערשט אָן. חבדיש לעבעדיגע, שאַרף געפּעפּערטע שמועסן. מ׳איז שוין אויפן חסידישן שטייגער, גאָר צעגאַרטלט. פילט מען שוין, אַז באַלד וועלן דאָס טאַקע אויפפלאַקערן די אומצאָליג אָנגעזאַמלטע אוצרות פון ברענשטאָף. אָט שטייט

עמיצער, דוכט זיך לייזער דער מלמד, אַרום חיימ׳ן, קלאַפּט אים העזה׳דיג אין פּלייצע:

— דו קענסט נאָך, חיים, אַריינפאַלן אין גיאות, וועט מען דיר טאַקע היינט געבן די אמתע קאָרקעס...

ערגעץ וואו אין אַ ווינקל האָט זיך אַ נגון אָנגעצונדן, דאָ און דאָרט כאַפּט מען אים אויף, וואַקסט ער, דער נגון, און לאָזט זיך שוין ווי אַ כוואַליע אין גרויסן זאַל. נאָר אָט איז אייך חבדישע לעבעדיקייט! דער נגון האָט שוין אַ ציטער געטאָן, זיך דאָ און דאָרט צעבראָכן און אָהן כּחות אומגעפאַלן אין דעם ים פון צעהיצטע שמועסן און פרייער שמחה.

— אַ ביסל משקה — ספּירט!

— ספּירט!

— משה מרדכי! וואָס שווייגסטו?

— וואָס עפּעס משה מרדכי, כולנו חכמים, מיר ווילן אַלע אַ ביסל בראָנפן...

— אדרבה, ווייז אַ קונץ און זיי נישט קיין טפּש...

— לעבעדיגער, יונגאַטשעס...

---

האָט זיך שוין אָנגעהויבן די גרויסע חבדישע נאַכט.

ווער ס׳קען נישט אָדער וויל נישט אַריינטאָן זיך אין דער חבדישער לעבענס־וועלט, דעם וועלן שוין פּשוטע פאַקטן אויס־זעה׳ען ווי לעגענדאַרישע פּאַראַדאָקסן. אַזאַ מענש וועט שוין נישט פאַרשטיין, ווי אין דער דאָזיגער גליהענדער אַטמאָספער האָט זיך פאַמעלאַך אויסגעקריסטאַליזירט יענער גרויסער ווילן, וואָס בייגט און לייגט, שמידט און פורעמט דעם גוף און די נשמה, ווי אַ שמיד טוט עס מיט גליהענדיגן אייזן. ר׳ הלל פּאַ־ריטשער האָט געזאָגט, אַז ער האָט געפּועלט ביים גוף צוויי זאַכן:

ווען ער, ר׳ הלל, וויל שלאפן, זאל אויך דער גוף וועלן שלאפן, און ווען ער וויל ניט שלאפן, זאל אויך דער גוף ניט וועלן. דאס איז דער ענין, וואס דער רבי האט געזאגט, אז מ׳דארף זיך נאר דערקלייבן צום שורש פון דעם גוף, קאן מען שוין דאמאלסט אלץ ביים גוף פועלן. אזוי ווערט דער גוף א מרכבה צו אלקות און דאס מינדסטע, וואס ער פארמאגט, ווערט שוין א אוצר פון הייליגער חיונה. הייסע בלוט, א קאכיגע נאטור, א ברען פון תאוה — דאס אלץ דארף מען שטארקן און הויבן ביז צום שורש. כדי פון זיי דערהויבן צו ווערן עד רום כל המעלות. און נאך האט דער רבי געזאגט: איין נקודה, איין פינטל איז פאראן אין גוף (אין מדרש הייסט דאס עצם, לשון עצמיות, ווייל דאס איז דאך די אייביגע עצמיות פון א מענשן), וועלכער שטארבט ניט מיטן גוף, אים נעמט נישט קיין פוילקייט, קיין פייער — ער קען קיינמאל נישט פארטיליגט ווערן. אין אים ליגט דער סוד פון תחית המתים. און דורך אמתע דביקות קען מען די נקודה אין דעם גאנצן גוף אראפברענגען. האט שוין חיים אויף זיין שטייגער אמאל ביי א ביסל בראנפן געזאגט: מ׳דארף טרינקען ביז צום פינטל, כדי די נשמה זאל קענען, נישט ארויסגייענדיג אויף א האר פון דעם גוף, קוקן מיט פשוטע אויגן פון יענער זייט טויט און לעבן. דאס איז דאך דער ענין, וואס דער אלטער רבי רעדט אין תניא ווענן דער נקודה שבפנימית הלב וכו׳ — דער באהאלטענער פינטל אין דער אינעווייניגסטער טיפעניש פון הארצן. מ׳קען אודאי דעם ענין נאך טיפער ארומריידן. נאר דער, וואס האט כאטש ווען ס׳איז פארזוכט דעם טעם פון הייליגער שמחה, פארשטייט שוין וואס מען מיינט...

אבער אויף וואס טויגן חקירות, פון וועלכע פליגן הויבן אן געגעצן. מיר זיינען נאר מחויב צו דערציילן ווי די מעשה איז געווען. זאל יעדער פארשטיין, אויף וויפיל ער קען אדער קען

נישט. קיין נייעם קאָפּ ווילן מיר קיינעם אויף די פּלייצעס נישט אַרויפשטעלן.

האָט זיך דאָס, הייסט עס, אָנגעהויבן די גרויסע חבדישע נאַכט.

טרינקען שוין אַ פולע גאַנצע גלעזער ריינעם ספּירט. טרינקט מען אָבער אַזוי, ווי נאָר חבדניקעס קענען טרינקען. און ווי אַלע מאָל ווערט מען ניט שכור, נאָר מען דערהערט די מאָדנע מאוים׳דיגע גרינגקייט פון אַ קערפּער, וואָס לאָזט זיך פלוצלונג פליהען. דער שכורער גוף שטייט נישט דער נשמה אויפן וועג, נאָר אַ עלאַסטישער און בויגזאַמער טראָגט זיך דער גוף נחתדיג און פרייליך נאָך דעם באַפרייטן גייסט. דער גוף און די וועלט הויבן אָן נחתדיג פאַרשווינדן, ניט אויפהערנדיג דערביי צו עקזיסטירן. אָדער, ריכטיגער, זיי דערהערן ערשט רעכט די טיפקייט פון זייער „זיין״, נישט אויפהערנדיג דערביי צו פאַר־שווינדן. אַ אומדערקלערלאַך־אַנטציקענדעס באַהעפטן פון „זיין״ מיט „ניט זיין״, פון יש און אַין.

— ווי דער ריינער ספּירט, זאָגט חיים, זאָל יעדער אָטעם, יעדע רגע ניט אויף אַ האָר זיין וואַסערדיג...

— לעבעדיגער, יידן! אין פינטל, אין פינטל!..

פאַלט שוין דער לעצטער ווידערשטאַנד פון דער אינע־ווייניגסטער סטיכיע. די נשמה איז שוין אַריין אין דעם אָהן־אָנהויבנדיגן סוד העליון, געפינט אָבער אין אירע אינעווייניגסטע אוצרות אַלע אָנהויבן און סופן און צעשמעלצט זיי אין דער העל־גליהענדער אוראַלטער גאַנצקייט.

די נשמה נעמט איין אין זיך די וועלט, כדי מיט איר צו־זאַמען און גאָט פאַרשווינדן, און דערביי שטעלט זי אויף ס׳ניי די וועלט און זיך אַליין. אַזוי שטייט אייביג די נשמה אויף דער אומזיכטבאַרער גרענעץ פון באַזונדערקייט און פאַראייניגטקייט, נעמט זיי אַרום פון אינעווייניג און גייט אַליין אַנטציקנד אויס...

הויבט שוין חיים אָן:

— אונזער רבי איז געווען נאָך גאָר אַ יונגערמאַן, ווען דער זיידע זיינער, דער אַלטער רבי זכרונו לברכה, האָט אים די לעצטע רגעים פאַר הסתלקות צוגערופן און אַזוי געזאָגט: מענדל! ביז אַהער האָב איך געזעהען דעם כח הפועל בנפעל, נאָט אין דער וועלט, דעם שעפער אין דעם באַשאַפענעם, איצטער זעה איך נאָר דעם כח הפועל, דעם נפעל זעה איך שוין גאָרניט... די וועלט איז אין גאָט פאַרשוואונדן... דער ענין דערפון איז, וואָס...

עפּעס אַזוי מאָדנע: דער שכל צעגייט און ווערט ווי פאַרשוואומען אין דער אַנטציקנדער נשמה. איז אָבער ווייטער דאָס זעלבע: אָנהויבנדיג אויסגיין, הויבט ער נאָך מער אָן צו זיין. אַלע ווילע טיילט ער זיך אויס דער שכל פון דער אַנטציקנדער פאַרשוואומענקייט, שטאַרקט זיך, קרעפטיגט זיך, מיט גבורה׳שן אָטעם צידהט ער שוין צו, אָרדנט און פירט אויף זיין שטייגער דעם שטראָם פון די גליהענד־פליסנדע עקסטאַזן. מיט איין שפּרונג רייסט ער זיך אַרויס פון אַלע נשמה־וועלטן און תוך כּדי דבור קערט ער זיך אום אין דער נשמה, באַלויכטן און פאַרשכּורט, טאַנצט, פאַרדרייט זיך אין אַ ווירבער, און גייט אויס — ניט אויפהערנדיג צו זיין.

נאָר חיים וואָס מער ער טרינקט, אַלץ מער ווערט ער פעלזן־פעסט. די שכורע סטיכיע טראָגט אים אַלץ העכער און העכער און ער קלעטערט מיט מסירות־נפש׳דיגער רוהיקייט איבער אומדערגרייכקייטן און שטיל אַנטציקנד דערזעהט ער אַלץ מער, וואָס דאָס אויג כאַפּט נישט...

פאַרוואָס פאַרשטומט דאָס גליהענדע געדודער, ווען חיים הויבט אָן ריידן? מיט האַלב פאַרנעפּלטע אויגן קוקן אַלע אים אין מויל און ס׳דוכט זיך יעדן, אַז ער הערט ניט חיים׳ען, נאָר זיך אַליין, און אַז חיים׳ס רייד פלאַקערן אויף אין אַ ניגון, כאַפּט אים יעדער אויף פון זיין אייגענער נשמה.

פייל פון בויגן טראָגט דער שטורם — מען טאָר די אויגן ניט פאַרמאַכן. לאָזט מען אָפּ דעם קאָפּ אַ רגע, איז מען שוין גע־פאַלן און פאַרזונקען אין דעם קלעפּיקן זאַמד פון שכורער צע־טומלטקייט.

חסידים טרינקען און האַלטן קאָפּ. מ׳רוקט זיך אַליץ נעהענטער צום „פּינטל", וואו דער שטורם גייט אין שטילקייט אויס. און חיים רייט זיך רוהיג אויפן שטורם, וועלכן ער קנייטשט און בייגט אויף אַלע זייטן. אין אַ שווערער מינוט האַלט מען זיך אָן אין חיימס גאַרטל.

מער ווי אַלע מאָל שניצט ער און שלייפט זיינע ווערטער, וועלכע ער ציקלט מיט אומדערקלערלאַך־גבורה׳שער גע־לאַסנקייט.

— ...פאַרשטייט איר, בטל ווערן צו אלקות איז נאָך ניט די העכסטע מדרגה, דער גרעסטער בטול טראָגט נאָך אין זיך די לעצטע שיריים פון ישות, באַזונדערקייט. ווארום בטל ווערן צו אלקות הייסט דאָך, אַז אַ חוץ אלקות איז, כביכול, פאַראַן עפּעס, וואָס ווערט צו אים בטל. און באמת איז דאָך לית אתר פּנוי מיניה — ניטאָ גאָ־אָ־ר נישט אַחוץ אים און אָהן אים. בטול איז נאָר די העכסטע מדרגה פון ישות. ערשט נאָך אים הויבן זיך אָן חיים אמתים, דאָס אמתע לעבן, וואָס איז העכער פון יעדן וואָרט און נאָמען...

מ׳וואָלט נישט געקענט אַזוי נתפּעל ווערן פון חיים׳ס ווער־טער. נאָר מ׳הערט און מ׳זעהט ניט נאָר די ווערטער, נאָר דער־הויפּט דאָס, וואָס עפנט זיך ערשט נאָך יעדן געזאָגטן וואָרט. טאַקע ממש יעדער וואָרט גליטשט זיך שטיל אַראָפּ אין אַ אָפּ־גרונט, ווי דער לעצטער שטיין, וואָס האָט נאָך פאַרשטאָפּט אָדער אויפגעהאַלטן אָט יענעם גרויסן, דוכט זיך, לאַנג ערוואַרטעטן קוואַל. און נאָך יעדן אַראָפּגעפאַלענעם וואָרט עפנט זיך ערשט

אַט יענער, יענער קוואַל. מבועא דלא פסיק — אַ קוואַל, וואָס הערט גאָרנישט אויף.

— העכער פון יעדן וואָרט און נאָמען!..

נאָט וויים, פון וואַנען ס׳נעמען זיך כחות איינצוהאַלטן דאָס גליהענדע גערודער אין דער נשמה. ערגעץ וואו באַהאַלטן לויפן און רודערן די צעפלאָסענע עקסטאַזן, זיי צאַפּלען זיך, וואַרטן ציטעריג אויף זייער גאולה־טאַנץ. אָבער ניין! נישט גע־טאַנצט און נישט גערירט זיך! מ׳שיט נאָך אַליץ נייעם פייער אין דעם גליהענד־קוויקנדיגן שטראָם.

— אין מיטן עזרת ישראל, זאָגט חיים, צווישן קריאת־שמע און שמונה עשרה, דאָרט וואו אַ ייד קאָן קוים צו קדושה מפסיק זיין, האָט דער אַלטער רבי אין גרוים דביקות אָנגעהויבן זינגען בזה הלשון: מי לי בשמים, ווער ס׳זאָל מיר ניט זיין אין די הימלען, ועמך, איז עס נאָר מיט דיר און ניט דו אַליין, לא חפצתי, וויל איך נישט. רבונו של עולם! קיין גן־עדן התחתון וויל איך נישט, קיין גן־עדן העליון בעט איך נישט — איך וויל נאָר דיך אַליין!..

אין גרויסן זאַל איז שטיל געוואָרן.

— כ׳וויל נאָר דיך אַליין!..

אין דער שטילקייט רייסט זיך באַהאַלטן אַ ווייטוטיגער תשוקה־געשריי, האָט אָבער פון זיך אויפגעפלאַקערט אַ שטילער, האַרציגער נגון, וואָס האָט דעם דאָזיגן געשריי אין זיך שטיל איינגענומען.

— לחיים, לחיים!

האָט זיך שוין ווידער דער מוח פאַרלאָרן אין דער אַנטצי־קנדער פאַרשוואומענקייט. און אין גרוים שמחה פילט זיך, אַז שוין לאַנג, לאַנג, מ׳ווייסט ניט ווען, האָט זיך אין די פאַרבאָרגענע ציטערדיגע טיפעניש פון דער נשמה געעפנט אַט יענער גרויסער

קוואַל פֿון אמתן לעבן, די באַהאַלטענע לויטערקייט פֿון דער וועלט־נשמה. ווי אַזוי רופֿט מען זי?

— ניטאָ קיין וואָרט, ניטאָ קיין נאָמען!

קיינער דערמאָנט נישט דעם רבינס תורה. ווי אַ שטילע פֿרייד באַהאַלט זי זיך אין דער נשמה. אויף וואָס איז די אַיי־לעניש, אַז די צייט אַליין האָט זיך אָפּגעשטעלט? אָט האָבן זיך אַ וואַקל געטאָן די ווענט פֿון גרויסן זאַל, זיינען איינגעפֿאַלן, גלייך פֿאַרזונקען, און אָט שטייען זיי ווייטער. ווייס איך! דער שכּורער כּח הדמיון טרייבט קאַטאָוועס פֿון דער וועלטל. שפּיל־חלומות, וואָס צעגייען און פֿאַרשווינדן, נאָך איידער די נשמה קוקט זיך אויף זיי אום.

„אָט איז ער געקומען, דער קול פֿון מיין געליבטן"... פֿון עפּעס אַ באַהאַלטענעםווינקל אין דער נשמה רופֿט און ציהט דעם רבינס תורה, ווי דער שטילער שמייכל פֿון אַ ציטערדיג־אַנט־פּלעקטן סוד. און וואָס איז אַזוינס וואָך, משקה, גשמיות... פֿריילאַכע שפּיל־חלומות! וואו זיינען זיי דען?

האָבן שוין ווייטער אָנגעהויבן רודערן די צעפֿלאָסענע עק־סטאַזן, אַרומנעמענדיג אין גרויס שמחה די שטילע לויטערקייט פֿון דער נשמה.

— ניטאָ קיין וואָרט, ניטאָ קיין נאָמען!

— ניטאָ, ניטאָ! ווער דאַרף זיי האָבן?..

האָט זיך שוין דער נאָר וואָס פֿאַרלוירענער שכל ווידער, גאָט ווייס ווי אַזוי, אַרויסגעקלעטערט, און בלישטשענדיג ווי אַ בלויזע שווערד, לאָזט ער זיך כּלומרשט אַראָפּ אין דער נידער, זוכט פֿאַרעקשנט די וואָכעדיגסטע גשמיות, כּדי זי מיט גליהענדע אָרעמס אַרומצונעמען און מיט איר צוזאַמען ערשט פֿאַרזינקען אין דעם ליכטיגן ים פֿון אמתן לעבן.

— הער נאָר, חיים — האָט זיך אויף אים פֿלוצלינג אָנ־געוואָרפֿן לייזער דער מלמד — צי דו וועסט דערגרייכן דאָס אמתע

לעבן, נאָר אַ אמתער שכּור בּיסטו אודאי. וואָס זשע טוען דאָ אין גרויסן זאַל שכּורים? האַ? ניין, וואָס איז דער חילוק צווישן אַ שכּור פון גרויסן זאַל און אַ שכּור פון שיינק. — לייזער האָט פלוצלינג אַ קלאַפּ געטאָן מיטן פויסט איבּערן טיש און האָט געשריגן: נאָך איידער מ'וועט חזרן דעם רבּינס מאמר, זאָל מען זיך מתבּונן זיין אין דעם ענין פון ווייַן. יאָ, פאַרוואָס האָט מען בּעת דער גרעסטער שמחה אין בּית המקדש דעם מזבּח אַליין מיט ווייַן בּאַגאָסן? יאָ, יאָ — נסוך היין! פאַרוואָס זשע טרינקט דער רבּי ניט מיט אונז? ער דאַרף נישט קיין ספּירט! נאָר מיר זייַנען די שכּורע סטאַדע, וואָס מאַכט פון גרויסן זאַל, רחמנא לצלן, אַ שיינק...

דער נאָר וואָס אַרויסגעקלעטערטער מוח האָט זיך שוין גאָר אויפגעכאַפּט און שמייכלענדיג זיך צוגעהערט. יאָ, לייזער הויבּט תּמיד אָן פלוצלונג צו „בּונטעווען". שעה'ן לאַנג שווייגט ער, פלוצלונג רייסט ער אויף און ציהט שוין נאָך זיך דעם עולם. מ'האָט אים טאַקע אַלע מאָל גערופן לייזער דער משוגענער, כאָטש אַלע האָבּן דרך־ארצדיג ליבּ געהאַט די משונה־זידיגע מסירת נפש פון אָט דעם אַלטן דרדקי־מלמד. שבּת און וואָך גייט ער אין אַ שוואַרץ סאַמעטענעם, שטאַרק אָפּגעריבּענעם קאַרטוז. עטליכע און פופציג יאָר אַלט, האָט ער געהאַט אַ בּלאַסן געזיכט מיט אַ לענגלאַך קאַלך־ווייסער בּאָרד און ווייסע צעשויבּערטע פּיאות. האָבּן זיך שוין טאַקע נאָך מער אויסגעטיילט זייַנע שוואַרצע ייִנגליש־בּרענענדיגע אויגן מיט זייער שטענדיג יונגן, אָפּט מאַניאַקאַלישן גלאַנץ. אָט די ייִנגליש־בּרענענדיגע אויגן אויף דעם בּלאַסן גרייז גרויען פּנים, ווי אויך די ייִנגלשע רירעוודיקייט פלעגן מאַכן אויף אַ נייעם מענשן אַ אומהיימליכן רושם. אַ גרויסער בּר אוריין, איז ער אַלע זייַנע יאָרן געווען דוקא אַ דרדקי מלמד, פלעגט צוויי מאָל אַ טאָג פירן די קינדער אין שול און זאָגן מיט זיי קדושה, דערבּיי פלעגט ער מיט זיין ווייסער בּאָרד

אויסמישן זיך צווישן די קינדער. אפילו שמחת־תורה קלייבט ער אן אַ פולע שול מיט קינדער און ווערט נישט מיד מיט זיי צו טאַנצן און זינגען. יאָ, יאָ, פלעגט ער טענהן, דער בעל שם, זכרונו לברכה, האָט אויך ליב געהאַט קינדער. אַ מאָדנער מענש! אָפט טרעפט זיך, אַז אין אַ שיינעם פרימאָרגן קאָן ער פלוצלונג פאַנאַנדערלאָזן דעם חדר, כאַפט זיין משונה גרויסן שטאָק, דעם טלית און תפילין אונטערן אָרים און ניט זאָגנדיג קיינעם קיין וואָרט, לויפט ער אַרויס פון שטוב און לאָזט זיך צופוס גלייך קיין ליובאַוויטש, וואָס איז מער פון הונדערט וויאָרסט ווייט פון זיין שטעטל.

זעהט נאָר, זעהט נאָר, ווי ער האָט זיך דאָס איצט אויפגעקאָכט. ער האָט זיך אַ וואָרף געטאָן, אָנגעכאַפּט חיימען פאַר זיין לאַנגער שוואַרצער באָרד, מיט וועלכער ער האָט אין דער לופט גע־טרייסלט.

— ...חיים, שכור! דיר איז תורה ותפלה ווייניג, דו ווילסט דורך קאָנטראַבאַנד מיט אַ שכורן פנים זיך אין אמתן לעבן אַריינרייסן. יאָ, יאָ, שכורדע, טויזנט מאָל שכורדע! דאָס ביסטו דער שר המשקים פון גרויסן זאַל, וואָס פאַרגיסט די הערצער מיט ספירט. ווער ביסטו, יונגאַטש, וואָס דו פירסט חסידים פאַרן נאָז? מיט בלעמס צונג פאַרדרייסטו חסידישע מוחות. יאָ, יאָ, מיט דיין שכורער גאוה פאַרטומלסטו די הייליגע פראָסטע הסידישע שמחה...

ער האָט אָפּגעלאָזט חיימס באָרד, האָט זיך אַרומגעקוקט שווייגנד, מיט מאַניקאַליש־ברענענדיגע אויגן, און אָנגעהויבן ריידן שטיל:

— אויף וואָס טויגן די חקירות, אַז לית אתר קא פניה מיניה — ניטאָ גאָרניט אַחוץ אים און אָהן אים. די חסידישע נשמה ברענט דאָך אָט פון דער ליכטיגער השגה און זי דאַרף נישט קיין גן־עדן און קיין אמת לעבן. ס'איז דען ווייניג, ווי דאָס לעצ־

טע באַשעפעניש אויף דער ערד צו קריכן, נאָר דערהערן אלקות, אָטעמען און לעבן אין אים און פון אים?! זאָלן אַלע זיין צדיקים, און איך דאָס קלייסטע ווערימעל, וועל זיך מיט גרויס שמחה אין שטויב אַרומוואַלגערן, וואָרום אומעטום איז ער אין מיר, און איך אין אים.

— ער אין מיר, און איך אין אים...

ער האָט שוין לאַנג אַרויסגעלאָזט חיימס באָרד פון די הענט, ניט באַמערקנדיג קיינעם אַרום זיך. אויף זיין ווייסן, גרייז־גרויען פנים האָבן מאַניאַקאַליש־געגליהט די יינגליש־ברענענדיגע אויגן, און צוקלאַפּנדיג מיט די הענט, האָט ער מיט אַ מאָדנער, קינדעריש־פרישער התלהבות געזונגען:

— ער אין מיר, און איך אין אים... ער אין מיר, און איך אין אים...

די הייסע ווערטער האָבן זיך אַריינגעגאָסן אין אַ פייערלאַך התלהבותדיגן נגון. דאָס איז דער נגון פון חבדישע טעניץ. אַלע האָבן זיך נאָך לייזערן געצויגן, מיט אים צוזאַמען זיך אין דעם נייעם התלהבותדיגן שטראָם געוואָרפן, אונטערכאַפּנדיג אינערלאַך זיין נגון.

האָט זיך שוין דער נאָר וואָס אויפגעכאַפּטער מות ווידער פאַרלאָרן, אָנהויבנדיג שטיל און נחתדיג אויסצוגיין. און דער נגון האָט לײדנשאַפטלאַך געטראָגן און געהויבן, פאַרפּילנדיג די גליענדיגע טעניץ, וואָס וועלן גלייך אָט אויפפלאַקערן.

און ווי פון אינעווייניג, האָט לייזערן עפּעס אַ מאָדנע שאַרפע פרייד אין מוח אַ קלאַפּ געטאָן — ער האָט זיך אָנגע־כאַפּט מיט דער רעכטער האַנט פאַרן קאָפּ און טרייסלענדיג מיט דער האַלב־אויפגעהויבענער לינקער האַנט, האָט ער מיט אַלץ וואַקסנדער התלהבות און אַלץ גרעסערן תפלהדיגן עקסטאַז געזונגען:

— ער אין מיר, און איך אין אים...

צו גיך און צו שטאַרק וואַקסן די הייסע כוואַליעס פון קווי־קנד־גליענדער התלהבות. ביי לייזערן צוקן שוין די פּלייצעס, ער טופּעט אונטער מיט די פיס, און זיין גאַנצער קערפּער דרייט זיך אין צוקונגען פון הייסער התלהבות. און ווידער צוקלאַפּנדיג מיט די הענט, שמייכלט ער שוין גאָר קינדיש, קוקנדיג מיט זיינע גרויסע מאַניאַקאַליש־גליענדע, ייִנגליש־גלאַנציגע אויגן:

— גוואַלד, גוואַלד, הערט נאָר — ווער און וואָס מיר זאָלן ניט זיין — איז אומעטום ער אין אונז און מיר אין אים, ער אין...

האָט זיך שוין דער נגון אָנגעהויבן שטיקן. אָט איז לייזער פון אָרט אויפגעשפּרונגען און מיט הויך אויפגעהויבענע הענט איז ער אַוועק אין אַ ווילדן פייער־טאַניץ. האָבן זיך שוין אין גאַנצן זאַל, ווי אַ שטורם, אַרויסגעריסן די לאַנג־איינגעהאַלטענע טעניץ. זינגענדיג טאַנצט מען אויס דעם גאַנצן פייער פונם נגון, וועלכער ווערט אָבער אַלץ פלאַמענדיגער און זידיגער. אין התלהבותדיגן שטורם יאָגן זיך אַזוי די טעניץ נאָכן נגון, דער־יאָגן אים און וואַרפן זיך מיט אים צוזאַמען אין אַ פייערדיגן אָפּ־גרונט. און חיים, וועלכער איז נאָר וואָס געזעסן מיט פאַרטראַכ־טע, ווייט קוקנדיגע אויגן, האָט זיך אויפגעכאַפּט און זיך אַ לאָז געטאָן אין דעם ליכטיג ברענענדיגן תהום.

פלוצלינג איז ווי אַ שווידער איבערן זאַל דורכגעגאַנגען. מ׳האָט זיך אַ ווײַלע אָפּגעשטעלט עפּעס ווי באַצויבערטע און זיך איינגעקוקט אין די פענסטער. אין דער פינסטערניש פון דער זומערדיגער נאַכט האָט אַ שימער געטאָן אַ שוואַכע ליכט פון אַ באַוועגליכן לאַמטערנדל. מקוקט זיך איין מיט גרויס אָנשטרענ־גונג. אין די קאַרגע שטראַלן פון לאַמטערנדל דערזעהט מען די באַקאַנטע איינגעהויקערטע פּלייצעס און אַ זיידענעם שאַליק. האָבן שוין די זידיגע מוחות אויף זייער שטייגער אויפגענומען דאָס בילד פון אַ קדוש־עליון, וואָס לאָזט זיך נאָך אַ האַלבער

נאַכט אין דער פינסטערער וועלט צו וועקן פאַרהלשטע איינגע־שלאָפענע נשמות.

רייסט מען שוין נישט איבער דעם טאַניץ, וועלכער צינדט זיך ערשט אָן מיט אַ נייעם שטילן פלאַם און באַקומט עפּעס אַ תפלהדיגע ווייכקייט. ווי פריהער טאַנצט מען אונטער דעם חבדיש שטורמישן נגון, נאָר עפעס מיט אַ תפלה׳דיגער איינגעהאַלטנקייט. אַנדערע פאַרוואַרפן דעם קאָפּ, פאַרמאַכן די אויגן, ציהען אויס תפלהדיג די הענט, זינגען מיט אַזאַ בענקענדיגער דביקות און טאַנצן שוין גאָר מיט כלות הנפש. און טאַנצנדיג דערהערט דער גוף אין יעדן אבר דעם שורש נשמה, צוקט און גליהט אין דביקותדיגער דורשט. וואָס זאָגט איר נשמה, אַז, דוכט זיך, אין גוף אַליין האָט זיך שוין געעפנט דער קוואַל פון כלות הנפש. יאָ, אָט יענער אומאויפהערליכער קוואַל!

האָט זיך שוין אָנגעהויבן דער חבדיש־זידיגער דביקות־טאַניץ.

אין שטילער התלהבות באַהעפטן זיך דער נגון מיטן טאַניץ, נעמען איין תפלהדיג דעם אינערלאַכן שטורם, גייען אויף און לאָזן זיך מסירת־נפשדיג ווייטער. פאַרפלאָכטענע הענט, ענג איינגעשלאָסענע קאַראַהאָדן — אַלע נשמות איין נשמה, און תפלהדיג צאַפּלט זיך דער גאַנצער קערפּער, יעדער אבר צוקט אין דביקותדיגע שמחה און בעט זיך רחמים:

— מרא דעלמא כולא, לאָז מיך אין דיר פאַרשווינדן, טאַקע גאָר, גאָר פאַרשווינדן!..

און אין איין רגע איז דער טאַניץ פון זיך אַליין נתעלה געוואָרן. אַ ליכטיגע אוממענשלאַך שטילע פרייד האָט זיך פון אים און אין אים גענאָסן. וואָס איז דאָס? אהבה רבה בתענוגים? ווער ווייס? דער ליכטיגער טאַניץ טראָגט זיך מיט אַ קינדישן שמייכל אַליץ העכער און העכער.

פּלוצים האָבן זיך אַלע אַ קער געטאָן. אהא! חיים איז זיך שוין פאַנאַנדערגעגאַנגען. ער האָט איצט טאַקע ווי אַ קאַלך־אויוון געברענט. און גאָט ווייס ווי אַזוי האָבן זיך אַלע אין דער ענגשאַפט צוזאַמענגעקוועטשט און חיימען אַ ליידיג אָרט גע־מאַכט. חיים האָט שוין פון זיך גאַרטל און קאַפּאָטע אויף דער ערד אַראָפּגעוואָרפן און בלייבנדיג אין טלית־קטן האָט ער שוין אויף זיין שטייגער געטאַנצט. און קוקנדיג אויף אים, האָבן זיך ביי אַלעמען די פיס אַליין העכער פון דער ערד געהויבן און פון דער ברוסט האָבן זיך אומגעהויערע קולות געריסן. נאָר חיים, וואָס מער ער ברענט, אַלץ גרעסער און שטאַרקער ווערט זיין פייער־דורשט, און טאַנצנדיג לעכצט ער און שרייט:

— לעבעדיגער, לעבעדיגער...

— גוואַלד, יידן, לעבעדיגער...

זעהט מען שוין טאַקע בחוש, וואָס חיים איז. ער ברענט אין העלישן פייער און קען גאָרנישט אויסברענען. מסירת־נפשדיג שטיל דרייט ער זיך צווישן די פייערדיגע שטורעמס פון זיין נשמה. און וואָס גוואַלדיגער ער טראָגט זיך אין דביקותדיגן וויכער, אַלץ פעסטער קען ער שטיין אויף די פיס. אין סאַמע רעכטן ברען פון זיין טאַנץ טוט ער זיך עפּעס אַ בויג און טאַנ־צנדיג הויבט ער אויף פון דער ערד די קאַפּאָטע מיטן גאַרטל. נישט איבעררייסנדיג דעם טאַנץ שטעלט ער זיך אָפּ אַ רגע, טוט אָן כלומרשט געלאַסן די קאַפּאָטע מיטן גאַרטל, און דערביי הערט ערשט רעכט נישט אויף צו פלאַקערן אין יעדער באַוועגונג זיינער די סטיכיע פון טאַנץ—און נאָך איידער ער האָט רעכט אַריינגעשטעקט די שפּיצן פון גאַרטל, ציטערט שוין הכנעהדיג די ערד אונטער זיינע פיס. ווי אָט יענער קאָזאַק, וואָס פליהט פייל פון בויגן אויפן פערד — פונקען לויפן פון אונטער די קאָפּיטעס. און אין סאַמע רעכטן ברען פון פליהען, שפּרינגט ער זיך, דער רייטער, אַרויף און אַראָפּ פון פערד, וואַרפט

און הייבט אויף זיין אלטע קאזאצקע היטל, לחלוטין נישט אויפהערנדיג דערביי זיך צו טראגן און צו פליהען אויפן צעבושעוועטן פערד. א רגע האט חיים עפעס ווי בכיון אפגעגעבן די שליטה דעם שטורמישן אימפעט, אין וועלכן ער האט זיך כלות הנפש׳דיג געטראגן און ממש די ערד אונטער זיך אנגעצונדן. פלוצים האט זיך חיים אפגעשטעלט, א מאך געטאן מיט דער רעכטער האנט און א ליארם געטאן איבערן גרויסן זאל:

— יידן, געגוג צו טאנצן, גענוג; שוין לאנג צייט געווען צו נעמען א ביסל בראנפן...

האבן זיך טאקע אלע ווי אויפגעכאפט פון דעם דביקות׳דיגן פייער־טאנץ עפעס אפגעפרישטע, באנייטע מיט שטראלנדיגע פנימער. אין דעם טאנץ זיינען שוין טאקע פארשוואונדן די לעצטע שיריים פון טומל, מענשלאך איינגערעדטע שוואכקייט און צווייענדיקייט. א ליכטיגע, אוממענשלאך שטילע פרייד האט אלעמען דורכגעדרונגען. די גליענד־צעפלאמטע עקסטאזן, וועלכע האבן נאר וואס אזוי מאוימדיג געוודערט, האבן איצט ווי א קינדיש ליכטיגער שמייכל אין דעם טיף פון דער נשמה געשטראלט. א מענשנס לעבן איז דאך טאקע אזוי פשוט, שמחה׳דיג קלאר און דורכזיכטיג. האט מען זיך שוין טאקע געפילט גאר פריי, אויפגעבונדן, היימיש. מ׳קען זיך אראפווארפן קאפאטע און פאנטאפל און א בארוועסער, אין ווייסע ארבל מיט קינדיש־פריילאכער היימישקייט ארומבלאנקען אין עולמות העליונים. א ביסל בראנפן? מהיכא תיתי! דער מוח איז פעלזן פעסט און פארמאגט שוין אוממענשלאכע סבלנות. און דוקא דערפאר, וואס אין דער נשמה שטראלט אזוי העל דער אנטפלעקטער לעבנס־סוד, קען מען זיך גאנץ היימיש פארלייגן א פוס אויף א פוס, זיך פשוט דורכשמועסן וועגן „עצם הענין“ און מיט א חבדיש העזהדיגן קער דערלאנגען גלייך אין „פינטל“.

חבדישע „מוחין דגדלות“?

און חיים זיצט שוין טאַקע גאָר מוחין דגדלותדיג. מיט זיינע ברייטע אייזערנע פּלייצעס קען ער, דוכט זיך, אַלע עולמות עליונים אונטערשפּאַרן. האָט זיך שוין פאַרקאָכט אַ שמועס, וועלכן חסידים האָבן געהאַט לאַנג צו געדענקען. כאָטש דער שמועס איז געווען קלאָר און אָפן (אויפן לשון פון חבדניקעס האָט דאָס געהייסן, אַז ס'איז געווען מער אַ שמועס פון „עבודה", פון התגלות הלב, ווי פון „השכלה"), האָט מען דאָך מער געפילט און פאַרשטאַנען דעם מוחין דגדלותדיגן וועלט־פּאַרנעס, וואָס האָט זיך אונטער די ווערטער, ווי אונטער אַ דינער הייטל באַהאַלטן. ניט דאָס וואָרט אַליין מיט זיין אינהאַלט, נאָר די רחבות, וואָס איז אונטער דעם וואָרט געשטאַנען. אַ לאַנגע צייט שפּעטער, נאָך דער מוראדיגער געשעהעניש, האָט מען שוין גאָר אַנדערש דעם שמועס פאַרשטאַנען, נאָר דאמאלסט האָבן זיך שוין אַלע נשמות אָנגעצונדן אין דעם גרויסן פייער־טאַנץ — האָט שוין טאַקע דאָס מינדסטע וואָרט, וואָס האָט זיך געטראָגן פון אָדער צו דער נשמה, שטיל געברענט און געפלאַקערט. און דאָס אַליין האָט נישט געשטערט, נאָר אדרבה פאַרשטאַרקט די מוחין דגדלותדיג רוהיגע גלאַסנקייט.

— נעמט, פּראים, אַ ביסל בראָנפן, האָט חיים אויסגעשריגן, אַניט קענט איר באַלד ווערן מיט זיך זאַט און צופרידן, ווי פאַרליאַפּעטע מתנגדים. און דו, לייזער, דאַרפסט פריהער פאַר אַלעמען שטאַרק אויסטרינקען, כדי וואָס גיכער זיך אויסצוניכטערן פון דיין שכורער צופרידנקייט...

און חיים האָט זיך דאָס אַ נעם געטאָן צו לייזערן; האָבן זיך אַלע מיט איינגעהאַלטענע אָטעמס צוגעהערט. אַנדערע האָבן זיך אפילו עטוואָס געשראָקן — אַ קליינקייט, אַזוינע צוויי בערן הויבן זיך אָן רייסן...

— ...ווייסט דען ניט, אַז די שכרות פון בראָנפן איז די גרינגסטע חיצוניות'דיגע זאַך, וואָס דויערט נאָר אַ קורצע ווייַלע. אָבער

שטות און צופרידנקייט מיט זיך איז שוין פּנימיות׳דיגע שכּרות, וואָס פאַרשטאָפּט דעם מוח און דאָס האַרץ אויפן גאַנצן לעבן. זיינען דען אַלע מענשן ניט גלייך צו גאָט? נאָר דאָס רוב שלאָגן זיך אומזיסט דאָס גאַנצע לעבן פאַרשכּורטע מיט דער צופרידנקייט פון תאוות זרות. דו רעדסט נאָך וועגן שענק — דאָרט זיינען דאָך מענשן שכּור, נאָך איידער זיי טרינקען, דער בראָנפן פאַרטיפט נאָר די בלינדע קנעכטשאַפט פון זייער נמאס פאַרשכּורטן גוף. אָבער אין גרויסן זאַל זיינען חסידים תּמיד מסירתנפשדיג ניכטער, און פריילעך מיט אַ ביסל בראָנפן דעם גוף אונטערכליאַסטעווען אָדער אונטערטרייבן, פּראַוועט מען די הילולא פון אַ פרייער נשמה. ס׳ווערט נתגלה אַליין, וואָס איז תּמיד נעלם און פאַרשכּורט אין דער נשמה. דאָס איז דאָך דער ענין פון נכנס יין, יצא סוד. אויב מ׳קען לכל הפּחות דורך ווייַן זיך אויסניכטערן פון דער שכּרות עולם הזה קען מען שוין ממשיך זיין דעם סוד פון פּנימות הנפש — יחידה שבנפש. און דאָס איז די מדרגה פון יין המשמח...

חיים האָט נאָך ריידנדיג זיך אָנגעגאָסן. אַ גלעזל משקה און דאָס גלעזל שוין אין דער האַנט געהאַלטן. אַ רגע שווייגנד האָט ער דאָס גלעזל צוריקגעשטעלט און געזאָגט:

— ניט נאָר פון בראָנפן, נאָר אויך פון גאָטס וואָרט ווערט מען אין גרויסן זאַל ניט פאַרשכּורט. מ׳דאַרף זיין העכער אפילו פון דער מדרגה שכּורת ולא מיין. די חכמים זאָגן, אַז ועשיתם אתם — מיינט מען דאָס אותם, א י ר זאָלט זיי באַשאַפן. ניט פאַרשכּורט ווערן פון גאָטס ווערטער, נאָר פון אינעווייניג זיי פון ס׳ניי צו באַשאַפן. מ׳דאַרף אַלע רגע פון ס׳ניי מקבל תּורה זיין. נאָר מתנגדים פאַרשכּורן די דורשטיגע נשמה מיט תּורה און לומדות. אָבער מיר דאַרפן אָנזאָטלען אַלע פאַרשכּורטע כּחות, מריש כּל דרגין עד סוף כּל דרגין, פאָרן אויף זיי רייטנדיג און לויפן ווי אַ ווילכער איבער בערג און טאָל. אַ אַנדער פּחדן, שוין פאַר־

שכורט פון זיך אַליין, קען זיך אַזוי דעם קאָפּ צעבּרעכן — קען פּשוט אַ שכור ווערן. נאָר בּעסער שוין דעם קאָפּ פאַרלירן, איי־דער דעם גאַנצן לעבּן אויף די פּלייצעס אַ חמורשן קאָפּ צו טראָגן. יאָ, מיט דיינע דרכים, לייזער, קענסטו טאַקע גיך אין שענק פאַר־קריכן...

קוקן זיך אַלע פאַרזיכטיג אום אויף לייזערן. ער האָט שוין ווידער אויף זיין שטיינער עקשנות'דיג געשוויגן. ווי אַלע מאָל האָט ער שווייגנד געפינטלט מיט זיינע מאַניאַקאַליש־בּרענענ־דינע, איצט עטוואָס פייכטע אויגן. ער האָט זיך עפּעס קינדיש־אונטערטעניג איינגעהערט.

און חיים האָט אויף אים פּעך און שוועבל געשאָטן.

...דו בּיסט שוין גאָר פאַרטיג, צופרידן — דאַרפסט שוין נישט קיין עליה, קיין תשובה. און אַזוי פאַרשכורט ווילט זיך דיר שוין אפילו אַ „קליין ווערימל" ווערן, וויל, בּאמת, צו־פרידנקייט, ווי אַזוי זי זאָל ניט זיין, איז דער גורל פון ווערים, שלעפּט צו דער ערד, אין דער נמאסער מלוכה פון קריכעדיגע— פון דאַנען גייט אַ גלייכע וועג אין שענק. אפילו יינגלאַך אין חדר ווייסן דאָך שוין די הייליגע קלאָרע ווערטער: נר ה' נשמת אדם. וואָרום ווי אין אַ ליכט ציהט זיך דער גאַנצער פלאַם פון אַ נשמה נאָך אויבּן, צום שורש. און דאָס מיינט טאַקע דער אַלטער רבּי זכרונו לברכה: קיין גן־עדן התחתון, רבּונו של עולם, וויל איך ניט, קיין גן־עדן העליון בּעט איך ניט, כ'וויל נאָר דיך אַליין. אַ חסידישע נשמה קען ניט איינזיצן אפילו אין גן־עדן. זי רייסט זיך אַלץ העכער, העכער און נאָך העכער — טאַקע עד אין קץ, בּיז מ'ווערט שוין גאָר בּטל אין אלקות. דאָס איז דאָך די אהבה פון בּכל מאדך, וואָס מ'האָט פאַרגליכן צו דער נשמיות'דיגער תּאוה פון געלט; וואָרום ווי די דאָזיגע תּאוה איז אויך די אהבה פון וּבכל מאדך: וואָס מער מ'האָט, אַלץ מער ווילט זיך נאָך און נאָך — ווער ס'האָט הונדערט, וויל צוויי הונדערט. דערפאַר

איז אַ נשמה אין דער מדרגה פֿון חולת אהבה — ס׳ברענט שטענ־דיק דער צמאון צו אלקות... לחיים, יידן, לחיים! מיר האַלטן נאָך טאַקע דערווייל ווייט פֿון גן־עדן, אָבער מיר ווילן זיך אויך דאָרט נישט אָפּשטעלן — אַלץ העכער און העכער. לחיים, לחיים!

ס׳דוכט זיך, אַז די נאַכט האָט זיך ערשט אָנגעהויבן. מ׳האָט זיך פֿלומרשט ערשט געזעצט נעמען אַ ביסל בראָנפֿן. ס׳פֿילט זיך אין דער נשמה אַ נייע, פֿרישע, מאָרמדיקע שמחה. ביי חיימען האָבן געציטערט די נאָזלעכער, ער האָט גליענד געשמייכלט און געזאָגט:

— מתנגדים האָבן זיך אַמאָל, ביים מיטלערן רבין זכרונו לברכה, געקלאָגט אויף אייניקע חסידים, אַז זיי דאַווענען און זינגען מער ווי זיי לערנען. סטייטש, האָבן זיי געטענהט — וואָס מתנגדים קענען! — פֿאַר אַ רגע בטול תורה קומט דאָך דער גרעסטער גיהינום. — דער מיטלער זכרונו לברכה האָט שמייכלענדיק געענטפֿערט: ווייסט כאָטש, אַז דער גן־עדן איז היינט פֿאַר חסידים אַ גיהינום. חסידים האָבן שוין אַליין אָנגעהויבן אַ נייעם גן־עדן צו בויען. דער פּשט איז דערפֿון, אַז גן־עדן איז דאָך כידוע באמת נאָר א גלוי פֿון זיו השכינה. אַ אמתר חסיד האַלט דאָך ביי דער מדרגה פֿון „כ׳וויל נאָר דיך אַליין“. וואָס פֿאַר אַ פּנים קאָן האָבן אַ גן־עדן אַנטקעגן אַזאַ מדרגה? די נשמה שפּאַנט איבער וועלטן, קיין גן־עדן איז איר נישט ניחא — זי ווייסט דאָך נאָר פֿון איין גרויסן צמאון: „כ׳וויל, רבונו של עולם, נאָר דיך אַליין“...

— וואָס קריכסטו שכור, האָט לייזער פֿלוצלינג אויפֿגעריסן, אין די הויכע פֿענסטער, ווער ביסטו, וואָס דו שטופּסט דיך מיט אַזאַ חוצפּה אין די עולמות עליונים. דוד המלך האָט געזונגען דעם אויבערשטן שירים ותשבחות און אים איז טאַקע אָנגעשטאַנען צו זאָגן: „ואנכי תולעת“. דו גלייכסט זיך צום אַלטן רבין, און מיר אַרט נישט צום זיין דאָס קלענסטע שטויבל אין דער גרויסער הייליגער גאָטס וועלט...

ער האָט שוין ווייטער גאָר קינדיש גליקלאַך געשמייכלט. אַ מאָדנע זאַך. אָט דער לייזער דער „משוגענער“, מיט זיין מאָדנער התעוררות, מיט דעם וואַרימן ווייהען פון זיין קינדישן מסירת נפש, וואַרפט אום אומבאַמערקט די אַלע גרויסע בנינים פון חיימען. זיינע איינפאַכע, מאָדנע תמימות׳דיגע ווערטער רופן אַרויס אין יעדערן עפּעס אַ באַהאַלטענע, שטילע, קינדיש־ליבטיגע שמחה. ס׳ווילט זיך שוין טאַקע מיט פּשוטער קינדישער איבערגעבנקייט זיך פרייען, טאַנצן, זיך אין אַ ליכטיגן קאַראַהאָד פאַרדרייען. מ׳וואַרפט זיך פון אַלע זייטן אויף לייזערן מיט שאלות, פילנדיג אויף פריהער און אפילו וויסנדיג די ליכטיגע ענטפערס. אָבער זאָל ער, לייזער, זאָגן.

— אויב דו ווילסט זיין אַ שטויבל, וואָס זשע פארסטו, לייזער דער מטורף, קיין ליובאַוויטש? פאַרוואָס זשע הערסטו מיט גרו׳ס דורשט דעם רבינס חסידות, עפּעס גאָרניט, ווי אַ שטויבל, דאַוונסט מיט התלהבות, נעמסט אַ חסידיש ביסל בראָנפן?..

שמייכלענדיג אויף זיין שטיינער, ענטפערט לייזער אָהן דער קלענסטער אָנשטרענגונג ווי ווענן אַ זאַך, וואָס איז נאָך מערער, ווי קלאָר.

— ...איר זעהט דען נישט, קינדער, דער אויבערשטער האָט מיר געשענקט לעבן, און איך, דאָס קליינע שטויבל, קאָן מיך נאָר פרייען אויף אַלע זיינע חסדים. זאָלן די אויערן מיט גרויס שמחה הערן די הייליגע סודות התורה, זאָלן די אויגן גאַפן פון זיין שיין, און אויף די ליפּן זאָל ברענען אַ תפלה צו אים, צו אים! דערמאָנט אייך נאָר, צו אים, צו אים אַליין! און ווען ס׳וועט קומען זיין הייליגער ווילן, כאָטש די רגע, וועל איך מיט גרויס שמחה מיין נשמה אין זיינע הענט אָפּגעבן. און איר, יידישע קינדער, וועט אויך מיין זינדיגן גוף ניט פאַרגעסן — איר וועט אים אין אַ טלית פאַרוויקלען און אַראָפּלייגן אין קבר מיט אַ הייליגן קדיש פאַר זיין ליבן נאָמען. און אַזוי ווי אַ גרויס פייער

צעשיט זיך אויף טויזנטער קליינע פונקען, אַזוי וועט זיך מיין גוף צעשיטן אין אומצאָליגע שטויבעלאַך, און יעדעס שטויבעלע וועט ציטערן פאַר פרייד און זינגען: ער אין מיר, און איך אין אים, ער אין מיר, און איך אין אים! רבונו של עולם! פאַרוואָס אַזאַ שמחה? פאַרוואָס, פאַרוואָס? איין לייזערן האָסטו אַזוי פיל שמחה געגעבן. די שמחה, וואָס אין אַ מענשן, ווי די חסדים פון זיין ליבן נאָמען, זיינען איבער מענשליכע כחות. גוואַלד, יידן! די גאַנצע וועלט איז פאַרפלייצט פון שמחה און ליבשאַפט. יעדעס שפריינקעלע זאָגט דאָך שירה, און גייט ממש אויס פון פרייד. און... ער האָט זיך פלוצלינג אָפּגעשטעלט אַ פאַרגאַפּטער, זיינע ברענענדיגע אויגן האָבן קינדיש=אנטציקנד געלויכטן אויף דעם גרוי=ווייסן פנים. ער האָט שוין אַליין אינגאַנצן אויסגעזעהען ווי אַ פאַרגאַפּטע ליכטיגע פרייד, וואָס האָט זיך ממש קוויקנד אָפּגערופן אין יעדנס נשמה. האָט זיך שוין ווידער אויפגעהויבן די הייסע כוואַליע פון די ערשט איינגעשטעלטע עקסטאַזן. דער מוח האָט שוין אַנטציקנד געשמייכלט — אָט, אָט וועט. ער צוגיין און פאַרשווינדן. אפילו חיים אַליין איז שטאַרק ניזוז געוואָרן — ער האָט מיט גרויס ליבשאַפט געקוקט אויף לייזערן. איז שוין גלאַט געווען אַ טשיקאַוועס צו הערן, וואָס וועט חיים איצט זאָגן. נאָר אַזאַ מענש איז ער שוין — וואָס מער און גרעסער ס'וואַקסט אין אים די שמחה, אַלץ מער ווערט זי שטילער און איינגעהאַלטענער. אַזוי אַרום וועקט ער, שטאַרקט, טרייבט און שפּאַנט די שמחהדיג אָפּגעשוואַכטע נשמות.

— פאַלט ניט אַריין, פראים, אין קיין ציגענע התפעלות. לייזער קלויבט זיך אין אַ הייליגער, אָבער טויט=פרעמדער מדרגה פון א מלאך. וואָרום נאָר ביי מלאכים זיינען די וועלטן, ווי זיי אַליין, שוין אָפּגעטאָנע, שוין פון לאַנג און שטענדיג אָנגעזאַפּטע און פאַרפלייצטע פון דער אומענדליכער שמחה. מלאכים זיינען דאָך די מדרגה פון עומדים, שטייענדיגע כחות, וואָס פאַר-

מאָגן ניט קיין ירידה, ניט קיין עליה און בלייבן תמיד ביי זייער מקור, אין וועלכן און פון וועלכן זיי לעבן. מוזן זיי שוין יונק זיין פון זייער שטענדיגן מקור און לאָזן זיך פאַרפלייצן פון דער הייליגער שמחה, וואָס פלייצט אַרום זיי. אָבער נשמות גייען דאָך אַראָפּ אויף דער וועלט דורך אַ ירידה, כּדי דערנאָכדעם מיט אַלע וועלטן כּסדר נתעלה צו ווערן, אַלץ העכער און העכער. און די אומענדליכע שמחה פון אַלע וועלטן יאָגט זיך נאָך דער נשמה אויף דעם גרויסן וועג פון איר התעלות. שמחה און התפּעלות לאָקערן אויף יעדער מדרגה די נשמה, ווילן זי פאַרפלייצן, פאַרשכורן און אַזוי אָפּשטעלן און ברענגען צו דער פאַרגליווערט־הייליגער מדרגה פון אַ מלאך. אָט אַזוי קען מען חלילה דערשטיקן די שטענדיג אמתע שמחה פון דער נשמה — די ברענענדיגע שטענדיג דורשטיגע אהבה פון בכל מאדך. אַזוי וואויל איז דיר, לייזער, וואָס דו ביסט אַזוי גרויס נכשל געוואָרן. דאָס האָט דאָך אפילו מיט אונזער רבין געטראָפן.

חיים האָט דאָ געמיינט די אומגעווינלאַכע מעשה, וואָס אַלע האָבן לאַנג געוואוסט. דאָס איז געווען איינמאָל אַ שבת פאַרנאַכט. דער רבי האָט ווי אַלע מאָל געזאָגט חסידות פאַר אַ גרויסן עולם. איז ער אַרויפגעקומען אויף דעם ענין פון מלאכים און האָט אָנגעהויבן אויף זיין גאוניש־דביקותדיגן שטייגער ריידן וועגן דער גרויסקייט פון זייער יחוד מיט אלקות, וועגן זייער אייביגער, אומגעשטערט ליכטיגער קדושה. מיט יעדעם וואָרט האָט זיך דער רבי אַלץ מער מתדבק געווען צו דער קדושה פון מלאכים. דאָס פּנים איז אים באַלד געוואָרן טויט בלאַס און איינגעצויגן, דער אָטעם פאַרכאַפּט — טאַקע נאָר כּלות הנפש, חלילה, איין מינוט צום אויסגיין. איז אויף דעם עולם אַ ציטערניש געקומען. וואָס טוט מען? ווער קען דען אָבער וואגן דעם רבין אָפּשטעלן? די ישועה האָט אָבער געבראַכט דעם רבינס עלטערער זון, ר' לייב, וועלכער איז שוין געווען מפורסם פאַר אַ קדוש עליון.

דער עולם האָט פֿאַרגאַפֿט צוגעזעהען, ווי ר׳ ליב האָט ממש אָנגע־נומען דעם רבין אין מיטן זיין חסידות־זאָגן פֿאַרן אַרבל און אים געזאָגט גלייך אין פּנים אַריין מיט אַ נגון (ער פֿלעגט שטענדיג ריידן מיט אַ נגון): טאַטע, דער בעל שם טוב, זכרונו לברכה, האָט געזאָגט, אַז ער וועט ניט פֿאַרבייטן די ציצית־פֿעדעם פֿון אַ פּראָסטן בעל־עגלה אויף דער גאַנצער אהבה פֿון דעם מלאך מיכאל... אָט, איז דער רבי געקומען צו זיך.

חיים האָט נאָר דערמאָנט די אַלעמען באַקאַנטע מעשה, וועלכער ער האָט שוין טאַקע פֿאַרשפּאָרט צו דערציילן, האָט זיך אויף אַלעמענס פּנימער באַוויזן אַ מינע פֿון דרך־ארצ׳דיגער מורא פֿאַר דעם רבינס נאָמען, וואָס איז חיימען איצט אויפֿן מויל גע־קומען — חיים וועט זיך דען פֿאַר עפּעס אָפּשטעלן?..

חיים האָט אָבער געזאָגט:

— טאַקע נאָר אַ נשמה קען מיט איין קער מאַכן פֿון אַ טויטן פֿאָדעם אַ לעבעדיגע כּלי פֿאַר דעם רצון הבורא, מעלה זיין מיט זיך אַלע וועלטן אין אלקות, אויסלייזן און אויפֿהייבן, מעלה זיין, כּביכול, די שכינה אַליין. — פּלוצלינג האָט זיך חיים צעשריגן: — ווינען דען צוליב דעם אונז געגעבן געוואָרן פֿליגל, אַז אַ ביסל אויפֿהויבנדיג זיך פֿון דער ערד, זאָלן מיר שוין ווערן פֿאַרשכּורט פֿון דער ערשטער הויכקייט, פֿאַרלירן דעם קאָפּ פֿון שמחה און פֿאַלן ווי די ווערים צוריק אויף דער ערד? וואָס העכער אַ נשמה דערלאַנגט, אַלץ מער באַקומט זי דאָך דורשט און כּחות צו גיין נאָך העכער. וואָס גרעסער די שמחה, אַלץ מער מאַכט זי ניכטערער, אַלץ מער אָנגעזאַפּט מיט דער מרירות פֿון שטענדיגן דורשט צו אלקות. און וואָס מער מ׳שטילט די דאָזיגע דורשט, אַלץ טיפֿער צינדט זי זיך ערשט אָן, אַלץ ברענענדיגער און רייסנדיגער ווערט זי, ביז זי ווערט נישט צוזאַמען מיט דעם מענשן בטל און פֿאַרשוואונדן אין אלקות. צופֿרידנקייט אָבער שטילט נישט, נאָר דערשטיקט די

דאָזיגע נשמה־דורשט. שטאַרק איז דאָך די אהבה, ווי דער טויט, וואָרום ווי דער טויט, פירט זי און רייסט כּסדר פון אַ נידעריג־ן צו אַ העכערן לעבן. צדיקים, זאָגן טאַקע די חכמים, גייען שטענ־דיג פון איין מדרגה אויף דער אַנדערער — אַלץ העכער און הע־כער. יעדער מדרגה, ווי הויך זי זאָל נישט זיין, איז זי מער נישט, ווי אַ טרעפּ צו דער קומענדיגער, נאָך העכערער. און אפילו כּתר עליון, וואָס איז דאָך דער לויטערסטער אור, איז תּמיד דורכ־געדרונגען מיט דער ברענענדיגער ידיעה, אַז ער איז דאָך אַזוי שוואַרץ לגבי דעם עילת העילות *). — חיים האָט אָנגעהויבן מיט אַ דביקותדיגן נגון: — אַלע וועלטן ברענען פון דער תּשוקה פאַראייניגט צו ווערן מיט אלקות. אפילו די חיות המרכּבה ברענען, ווי די פלאַקער. ניט קיין גן־עדן התחתון, ניט קיין גן־עדן העליון, נאָר דיך אַליין. אין דעם סדר ההשתלשלות פון וועלטן און נבראים, אין דער כּלומרשטדיגער באַזונדערקייט איז פאַראַן גיהנום און גן־עדן מיט דעם גרויסן רבוי פון הויכע און נידעריגע מדרגות, באמת איז דאָך אַלץ אין אלקות פאַר־אייניגט. זעהט נאָר, ווי פּשוט עס אַנטפּלעקן זיך די סודות פון דער צעשפּליטערטער באַזונדערקייט און דער אמתער אייניג־קייט פון דעם בּטול אין אלקות. לאָמיר, יידן, טרינקען, טרינקען גאָר אָהן סוף...

די עקסטאַזן ווערן שטיל און גבורהש איינגעהאַלטן, די נשמה גלייכט זיך אויס מוחין־דגדלות׳דיג, דורכגעדרונגען פון עפּעס אַ מאוימדיג זיסע גרייטקייט. און לייזער איז שוין גאָר עקשנות׳דיג אַנטשוויגן געוואָרן, ער פינטלט קינדיש מיט די מאַ־ניאַקאַליש ברענענדיגע אויגן אויפן גרוי־ווייסן פּנים און אַריינ־רוקנדיג די הענט אין די אַרבּל און אָנבויגנדיג דעם קאָפּ נאַאיוו

---

*) דאָס האָט חיים געמיינט די ווערטער פון זוהר: „כּתר עליון אף על גב דאיהו אור צח ומצוחצח אוכם, אוכם לגבי עילת העילות".

אויף אַ זייט הערט ער זיך איין עפּעס מאָדנע שטיל. דאָס רעדט מען וועגן אלקות, וועגן בורא ברוך הוא.

— ...דער מיטלער רבי, זכרונו לברכה, נאָך אַ יונגערמאַן פֿאַר צוואַנציק, איז ער שוין געווען אַ מעין הנובע און פֿון גרויס השגה אין אלקות איז ער שטענדיק געווען אין התפּעלות און דביקות, טאַקע גאָר מיט מסירת נפש. האָט אים דער פֿאָטער, דער אַלטער רבי, אַמאָל אַריינגערופֿן און געזאָגט: „בערל, כ׳וועל מיט קאַטשעלקעס פֿון דיר אַרויסשלאָגן דיין התפּעלות". האָט זיך דער מיטלער געבעטן: „טאַטע, ווי קען מען דען ניט האָבן קיין התפּעלות פֿון גדולות ורוממות אור אין סוף. דער בעל שם, זכרונו לברכה, פֿלעגט דאָך אויך קומען אין התפּעלות". „וואָס גלייכסטו?" האָט דער אַלטער רבי געענטפֿערט. „דער בעל שם, קומענדיק אין התפּעלות, פֿלעגט אַרויסלויפֿן אין וואַלד און געבן אַ געשריי מיט אַ קול פּשוט צו אלקות — פֿלעגן דערפֿון אויף דער וועלט נתרבה ווערן בעלי־תשובות. דאָס איז די אמת הייליקע התפּעלות, וואָס הויבט די נשמה מיט אַלע וועלטן אַלץ העכער און העכער. אָבער דיינע התפּעלות איז ניט דער חיות, נאָר די טויטקייט פֿון דער שמחה. אין איין רגע פֿליהט אַרויס פֿון דיינע הענט דאָס פֿייגעלע, נאָך וועלכער דו האָסט זיך דאָס גאַנצע לעבן געיאָגט. אַ מוטער גייט אויס פֿון בענקשאַפֿט נאָך אַ פֿאַרלאָרענעם זון, וועלכן זי ערוואַרט דאָס גאַנצע לעבן און וויינט אויס אירע אויגן. דערהערט זי אַ בשורה, אַז איר זון קומט, קען זי נישט אויסהאַלטן אירע גרויסע פֿרייד, און אַזוי שטאַרבט זי, ניט דערלעבנדיק פֿון גרויס שמחה צו זעהען איר געליבטן זון. דאָס איז די שוואַכקייט און טויטקייט פֿון דער שמחה. דו שטייסט שוין נעבן דער איינגענומענער שטאָט, אירע טויערן זיינען שוין פֿאַר דיר געעפֿנט, דו דאַרפֿסט טאַקע נאָר אַריינגיין ווי דער בעל־נצחון און שוין קלערן וועגן נייע, נאָך גרעסערע נצחונות. נאָר דו ווערסט פֿאַרשכורט פֿון שמחה און פֿאַלסט פֿון די פֿיס ביי די

סאַמע טויערן — מיט אַ מאוסן געלעכטער וועט דיר דער שונא פּשוט מיט דעם פוס אַוועקשליידערן...

איצט שוין נישט לייזער, נאָר אַנדערע פון פאַרשיידענע זייטן שטעלן חיימען לייזערס שאלה, אויף וועלכער ער האָט דאָך נאָך נישט געענטפערט. אייגנטליך, ענטפערט שוין די נשמה אַליין אויף דער פראַגע, נאָר מ׳שטעלט זי חיימען, כּדי טאַקע קלאָרער און טיפער אַרומנעמען דער נשמהס ענטפער. איינער אַ מלמד, אַהויכער, אַ ביסל אַן איינגעהויקערטער, מיט אַ געלער באָרד און שטיל לייכטנדיגע בלויע אויגן, האָט זיך געווענדעט צו חיימען: „זאָל חיים זאָגן!“.

—אויב אַז גרויסע צדיקים האָבן קוים געקענט ביישטיין אַנטקעגן דער פאַרשכּורטער התפּעלות פון שמחה, טאָ קענען זיך דען פּשוטע חסידים צו זיי גלייכן?

— פראַים! ניט נאָר צו צדיקים, נאָר צו גאָט ברוך הוא אַליין דאַרפן מיר אונז גלייכן. זייט הייליג, זאָגט דער איבערשטער אין דער תורה, ווייל איך בין הייליג. באמת איז דער מענש נאָך זיין שורש גאָט־גלייך — בדמותו ובצלמו כּביכול, לויט דעם מוסטער און געשטאַלט פון גאָט איז דער מענש באַשאַפן געוואָרן. נאָר צופרידנקייט קען דערשטיקן די דורשטיגע גאָט־גלייכקייט פון דער נשמה. די גאָט־גלייכקייט אין דער נשמה רייסט זיך, זוכט דורשטיג איר תּיקון, ווייל זי איז דאָך נאָר דער העכסטער דמיון פון באַזונדערקייט. דאָס הייסט דאָך, כּלומרשט, אַז ס׳איז דאָ אַ חוץ אלקות עפּעס, וואָס וויל זיך ערשט צו אים גלייכן. גלייכקייט איז אייגנטלאַך די ישות פון באַזונדערקייט, וואָס גלייכט זיך צו עפּעס אַזוינס, וואָס געפינט זיך, כּביכול, אַ חוץ איר. די גלייכקייט וויינט נאָך איר גאולה. און אויב ס׳פאַרשפּעטיגט שטאַרק די גאולה, קאָן דער אויסגעדאַכטער משל זיך אַליין הלילה דערקענען פאַר אַ נמשל... דאמאלסט הייבט זיך אָן דער פינסטערער טאַנץ פון אַפּיקורסות. און דאָס איז דער סוד

פון עבודה־זרה — דער טייוולאָנישער טאַנץ פון דער פאַרשטעל־טער באַזונדערקייט. נאָר די גאָט־גלייכקייט ווערט אויסגעלייזט דורך דעם בטול־בתכלית אין אלקות, ווען מ׳הייבט אָן פאַרשווינ־דן אין דעם אמתן, לחלוטין אמתן לעבן, חיי־החיים, וואָס איז העכער פון יעדן וואָרט און נאָמען.

— פון יעדן וואָרט און נאָמען!..

חיים האָט זיך פאַרקלערט. א רגע שווייגן אַלע, קוקנדיג פאָראויס מיט ערנסט לייכטנדע אויגן — און אונטער די פענסטער איז פאַרגאַפט געשטאַנען די זומערדיגע נאַכט און זיך מיט איינ־געהאַלטענעם אָטעם צוגעהערט. אין זאַל האָט געהערשט אַ פאַרטראַכט־שמייכלענדיגע שטילקייט.

— ניטאָ קיין וואָרט און נאָמען...

שווימט ווייטער אַרוים אַ פראַגע, אויף וועלכער יעדער וואָלט אויך איצט שוין כמעט אַליין געקענט ענטפערן. וויל מען אָבער דעם ענטפער אָנצינדן נאָך העלער. זאָל חיים זאָגן:

— הייסט עס, אַז דער גרויסער וועג אויפצוהויבן די ישות און באַזונדערקייט פון וועלט און באַשעפעניש איז באַדעקט מיט גרוים שמחה און התפעלות, אַקעגן וואָס ס׳קענען נישט בייַשטיין שוואַכע נשמות. וועלן דען אָבער די דאָזיגע הייליגע, כאָטש אַפילו שוואַכע נשמות, בלייבן שטעקן אויפן האַלבן וועג און טאַקע נישט דערזעהען דעם אור פני אלקים חיים, וועלן נישט דערלעבן דעם בטול בתכלית צו אלקות. ניין, וואָס איז די פעולה, אַז אין גרויסן זאַל ווערט נתעלה די באַזונדערקייט, דער שענק אָבער, בלייבט אַ שענק. מיט דעם שענק, מיט דעם שענק וואָס וועט זיין?...

חיים האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן, אומגעדולדיג אויפגעבונדן דעם גאַרטל און שוין טאַקע גאָר מוחין־דגדלות׳דיג דעם קאָפּ אויפגעהויבן.

— איר טרינקט, נאַרן, צו ווייניג און צו שלעכט אַ חסידיש ביסל בראָנפן, אַז איר קענט זיך נאָך מיט אַזעלכע שאלות אַרומטראָגן. איר מוזט נאָך אפנים אַ היבש ביסל בראָנפן טרינקען, ביז איר וועט זיך אויסניכטערן און דערמאָנען, וואָס איר האָט נאָך אין חדר געלערנט. אַז מ׳גייט אַרויס אויף אַ מלחמה, לערנען יינגלאַך אין חומש, דאַרף מען אויסרופן אויף דעם פעלד פון מלחמה: ווער ס׳בענקט נאָך דעם ווייב, נאָך זיין ניי אויפגעבויט הויז, נאָכן וויינגאָרטן, אָדער ווער ס׳איז פשוט אַ פחדן, אַ שוואַכע בריאה, אַ מעגעגע — דער זאָל זיך אומקערן אין זיין לאָך און נים פּלאָנטערן אונטער די פיס. מענשן מיט קאָפּ און הערצער, אָט די איבערגעבליבענע וועלן זיך אומגעדולדיג אַליין אַ וואָרף טאָן אין געשלעג און נים לאָזנדיג זיך פאַרשכורן פון קיין דער־גרייכונג, פון קיין התפעלות, וועלן זיי שוין מיט מסירת־נפש אַרויסגעווינען דאָס הייליגע פייער אויך פאַר שוואַכע און פחדנים. און אַזוי זאָגט דער אַלטער רבי, זכרונו לברכה, אין תניא: אַ ביסל ליכט שטופט אָפּ און באַלויכט גרויסע פינסטערניש. דאָס קליינע ציטערדיגע פלעמל פון אַ פיצל ליכט וואַרפט אַ ברייטן, ליכ־טיגן שיין אויף גרויסע פינסטערע פּאַלאַצן. און אַז אין גרויסן זאַל וועט גאָטס זון אויפגיין, וועט שוין דער שענק פון זיך אַליין אין ליכט־שטראַלן פאַרשלונגען ווערן. ווען משה האָט פאַר יידן דעם ים געשפּאָלטן, האָט שוין די לעצטע שפחה געזעהען מער, ווי יחזקאל אין מרכבה. יעדער דור האָט זיך זיין משה. משה שפּיר קאמרת! אָט זיינען זיי אונזערע משהס, צייט דעם אַלטן רבין, זכרונו לברכה, זיינען מיר זיי זוכה צו זעהען. זיי טראָגן פאַר אונז ברענענדיגע פלאַקערס, גליענדע זיילן. לאָמיר יידן טאָן תשובה. נאָך אַ ביסל שטאַרקן ספּירט, נאָך אַ ביסעלע חוצפּה, מסירת־נפש. לאָמיר אונז וואַרפן ווי מיר שטייען און גייען אין דעם גרויסן הייליגן פייער. כי ה׳ אלקך אש אכלה. ימים שפּאַלטן זיך, וועלטן ווערן צעדרויבלט. ניטאָ קיין נביאים און

קיין שפחות — ס׳גייט אוים דער לעצטער אָטעם פון טויט און באַזונדערקייט. דו, נאָר דו, אור אין סוף ווי פאַרן צמצום, דאָס לחלוטין פשוטע איינציגקייט. און זאָגט נישט: איך בין אין אים, ווייל ס׳איז שוין ניטאָ קיין איך, נאָר ער אַליין און ער אַליך, דאָס לחלוטין פשוטע איינציגקייט.

חיים האָט דעם קאָפּ אַ בויג געטאָן עטוואָס פאָראויס און האָט פלאַמענדיג שטיל געחזרט, גלייך ווי ער וואָלט מיט פייער־דיגע זיילן די גאַנצע וועלט אַדורכגעלעכערט.

— ער, נאָר ער... ניטאָ גאָרנישט אַחוץ אים און אָהן אים... ער, נאָר ער...

פלוצים האָט זיך חיים אויסגעגלייכט, ליידנשאַפטלאַך אָפּ־געדעקט זיינע ווייסע פאַרחלשטע ציין, אומגעדולדיג אַראָפּ־געריסן פון זיך דעם אויפגעבונדענעם שוואַרצן גאַרטל און זיך אַ לאָז געטאָן מיט זיין ברענענדיגן נגון. דער אַלט באַקאַנטער גראַוויצערס נגון, וועלכער ברענט אָבער היינט מיט אַ נייעם אומערטרעגליכן פייער. דער גרויסער זאַל האָט זיך אָנגעהויבן וואַקלען, איינגאַנצן אַרומגעכאַפּט פון אומבאַמערקבאַרע פלאַמען. און הינטער די פענסטער האָט די פאַרגאַפטע נאַכט טאַקע ניט אויסגעהאַלטן — ווערנדיג טויט בלאַס, גייט זי שטיל און תפלהדיג אוים. אַ רגע צידערט זיך די אויסגייענדיגע נאַכט תפלהדיג מיט אירע צאַרטליך בלויע הענט צום הימל. נאָר אינגיכן האָט זיך דער מזרח אָנגעצונדן מיט אַ שמייכלענדיגער מאָרגן־רויטקייט. זעהט נאָר, זעהט נאָר — דער מזרח ברענט! אין פייער און אין פלאַמען גייט שטיל און פייערליך אויף אַ נייע זון. און אויפן טיש אין גרויסן זאַל שטייען פוסטע פאַרוואָרפענע פלעשער. קיינער דאַרף שוין קיין ספּירט ניט האָבן. אַלע זיינען פאַרגאַפּט אַנטשוויגן געוואָרן — חיים האָט זיך ציטעריג שטיל אַרומגעגאַרטלט מיט דעם שוואַרצן גאַרטל און עפּעס אָנגעזאַפּט פון אַ פלאַמענדיגע שטילקייט, חזרט ער ערשט איצט דעם רבינס תורה. און ווי אַלע

מאָל טאָקט ער און שאַרפט זיינע ווערטער, מסירת־נפשדיג רוהיג דעקט ער אָפּ די סודותדיגע שטעלן אין דעם רבינס תורה — און זייענדיג אויסער זיך הויבט ער זיך ערשט לחלוטין ניט אָן צו פאַרלירן. ממש אויסצוניין פון שאַרף שניידנדער מתיקות. אַלע הערן מיט פאַרשמאַכט אָפענע מיילער:

— אָט איז ער געקומען, דער קול פון מיין געליבטן, ער טראָגט זיך איבער בערג...

דער זאַל איז שוין פאַרגאָסן מיט העלער זונענליכט, ווען חיים ענדיגט דעם רבינס תורה. נאָר אַלע זיצן נאָך אומבאַוועגלאַך, מיט פאַרשמאַכטע אָפענע מיילער, ווי מ'וואָלט אָפּגעריסן די ברוסט ביי אַ פאַרשמאַכט זויגענדיג קינד. פאַרוואָס האָט זי זיך געענדיגט, די תורה, פאַרוואָס רעדט מען זי ניט אומענדלאַך? עפּעס אַ טיף פאַרשמאַכטע דורשט האָט די נשמה געפּלאָגט. שטילנדיג אָט די דורשט, האָט דעם רבינס תורה זי נאָך טיפער אָנגעצונדן, זי געמאַכט אומערטרעגלאַך.

— חיים, חיים! זאָג אונז נאָך, נאָך... חיים !..

חיים האָט ווידער ליידנשאַפטלאַך אָפּגעדעקט זיינע ווייסע פאַרחלשטע ציין און אויף זיין פּנים האָט זיך באַוויזן אַ מינע פון אַ מענשן, וואָס האָט זיך אויף עפּעס אומגעוויינליכעס אַנט־שלאָסן.

— דאָרט, אָט דאָרט, — חיים האָט אָנגעוויזן מיטן פינגער דורכן פענסטער אויף דעם רבינס חדרים,—דאָרט געפינט זיך דער הייליגער קוואַל פון דברי אלקים חיים. חסידים גייען אויס פון דורשט — וואָס זשע האָבן מיר וואָס מורא צו האָבן פאַרן רבין. קומט, לאָמיר זיך קלאַפּן צו אים אין טיר — האָט קיין מורא נישט — ער וועט דערהערן די געשרייען פון חסידים און די ווייעניש פון זייער דורשט. קומט, קומט...

האָט זיך שוין עטוואָס ממש אומגעהערטעס געטראָפן. אין אַ פשוטער, נאָך פאַרשלאָפענער שעה פון אַ וואָכעדיגן פריה־

מאָרגן איז דער גאַנצער עולם געגאַנגען מיט געזאַנג נאָך חיימען פון גרויסן זאַל און זיך אָפּגעשטעלט ביי די פאַרמאַכטע טירן פון דעם רבינס חדר. אין קליינעם זאַל איז ענג — אפילע בלייבן שטיין אויפן הויף. און אין קליינעם זאַל פאָראויס, סאַמע ביי דעם רבינס טיר שטייט חיים און אין אַלגעמיינעם געזאַנג טראָגט זיך, ווי אַלע מאָל, זיין רייסנדיג, שטורמיש גליענדע שטימע. דער דורשט־געזאַנג איז אָבער דורכגעדרונגען מיט באַנינען־שטראַלן, פון וועלכע ס׳רייסט זיך אַ בענקענדער געשריי פון אומערטרעג־לאַכער דורשט. פלוצים ווערן אַלע אַנטשוויגן. די טיר האָט זיך לאַנגזאַם געעפנט און אויפן שוועל האָט זיך באַוויזן דער רבי אין אַ ווייס אַטלעסענער יאַרמלקע. אויפן רבינס פנים האָט געלויכטן אַ אָנגעשטרענגט ערנסטע מינע פון אַ מענשן, וואָס האָט זיך פלוצים אָפּגעריסן פון אַ אינטענסיווער, לאַנג דויערנ־דיגער אַרבעט. די ברילן זיינען אים פאַררוקט אויפן שטערן, און די אויגן זיינען ווי עפּעס פאַרצויגן מיט אַ נעפּל פון דער נאָר וואָס איבערגעריסענער געדאַנקען־אַרבעט.

— וואָס ווילט איר? האָט דער רבי אַ פרעג געטאָן מיט אַ ליידנד־בייזער מינע, אויפהייבנדיג לייכט די פאַרהאָרעוועט איינגעבויגענע פלייצעס.

דער עולם איז שוין אַפילו געוואָרן אָפּהענטיג.

— וואָס קענען חסידים וועלן — האָט האַרט און אַנט־שלאָסן געזאָגט חיים, — דברי אלקים חיים! רבי, חסידים גייען אויס פון דורשט, מיר וועלן ניט אַוועקגיין פון טיר, ביז...

דער רבי האָט אים בייז איבערגעריסן, נאָר מיט אַזאַ תמימותדיגן צער, אַז ביי אַנדערע האָט דאָס האַרץ פאַרקלעמט. דער רבי האָט זיך געבייזערט:

— איר האָט אויף מיר קיין רחמנות ניט... פון וואַנען זאָל איך דאָס אַלץ נעמען צייט און כח — כ׳בין דאָך שוין אַזוי אַלט....

— רבי, גאָט איז נאָך מיט אַלט — האָט חיים העזהדיג געזאָגט — און פונדעסטוועגן האָט ער אונז אַ תורה אויפן באַרג סיני געגעבן און יעדן שבת פּאַרנאַכט גיט ער אונז תורה דורך אייער הייליג מויל. זאָל נאָר זיין אייער ווילן — וועט אונז דער אויבערשטער נאָך היינט תורה געבן. והא אזמין עתיק יומין — כ'בין מזמין דעם עלטסטן פון אַלע צייטן...

דער רבי איז שווייגנד אַוועקגעגאַנגען, אַ קלאַפּ טוענדיג לייכט מיט דער טיר. אַנדערע האָבן שוין אָבער באַמערקט אויף דעם רבינס מיד פּנים יענע אַלעמען באַקאַנטע ליידנד־דביקותדיגע מינע, וועלכע פלעגט זיך תמיד באַווייזן אויפן רבין פאַרן תורה־זאָגן.

„קען דאָס טאַקע זיין?" איז אַדורכגעפלויגן ביי יעדן אַ ליכטיגער געדאַנק פון אַזאַ מעגליכקייט. אַלץ איינס וועט מען פון דאַנען ניט אַוועקגיין. האָט זיך שוין ווייטער געטראָגן דער אומערטרעגלאַך דורשטיגער חבדישער ניגון.

פון וואַנען איז פלוצים לייזער אויסגעוואַקסן? ביז אַהער אַ שווייגנדיגער, אויסגעמישט צווישן עולם, האָט ער זיך איצט אַ ריס געטאָן פאָראויס מיט אַ משונהדיגן אימפּעט, האַסטיג זיך דורכגעשטופּט צווישן געדיכטן עולם. אין איין רגע איז ער שוין געשטאַנען אַרום חיימען ביים רבינס טיר, האָט פלוצים אָנגעכאַפּט חיימען פאַר דער שוואַרצער באָרד און שמייכלענדיג מיט די מאַניאַקאַליש ברענענדיגע אויגן, האָט ער התפעלותדיג־קינדיש אַ קוש געטאָן אים אין די ליפּן.

— אַי, דו, שכור!...

חיים האָט קיין צייט ניט געהאַט זיך אומצוקוקן, אַז לייזער האָט זיך שוין אַ לאָז געטאָן צווישן עולם, און מיט אויפגעדוי־בענע הענט האָט ער ווי אַ באַנומענער מיט קינדישע התלהבות געטאַנצט און געדרייט זיך אויף איין אָרט.

דערווייל האָט זיך דעם רבינס טיר ווייטער געעפנט, ס'איז אַרויס דער גבאי און אויף זיין פנים האָט מען דערקענט, אַז ער טראָגט אַ פרייליכע בשורה.

— דער רבי האָט געזאָגט, האָט דער גבאי אויסגעשריגן, אויפהויבנדיג די רעכטע האַנט, אַז אַלע זאָלן זיך קלייבן אין גרויסן זאַל.

האָט זיך אַ שרעקליך געפּילדער פון גרויס שמחה אויפ־געהויבן. דער גאַנצער עולם האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אין גרויסן זאַל. מ'האָט דאָרט אָפּגערוקט דעם טיש, צוגענומען די פלעשער. דער זאַל האָט שוין מאָדנע יום־טובדיג אויסגעזעהען. אַלע זיינען אַרום בימה געשטאַנען מיט לייכטנדע אויגן, נייגעריגע, פארשמאַכטע, אין די שבתדיגע קליידער, וועלכע מ'האָט נאָך פון נעכטן ניט אויסגעטאָן. און אויפן בימה שטייט אַ ביסל באַלכסון אַ איינזאַמע שטול, וואָס וואַרט פייערלאַך־שטיל אויף דעם רבינס אַריינקומען.

אין יענעם טאָג האָט זיך שפּעט, זעהר שפּעט פאַרצויגן דאָס אינדערפריהעדיגע דאַוונען, אַזוי, אַז גלייך נאָכדעם האָט מען שוין געמוזט אָנהויבן די פאַרנאַכטיגע מנחה, וואָס האָט שוין אין דער נאַכט אַריינגעצויגן.

חיים האָט פאַרטראַכט שמייכלענדיג געזאָגט:

— טאָג און נאַכט האָבן זיך אין תפלה פאַראייניגט. דאָס איז דער סוד היחוד פון צוויי היפּוכדיגע וועלטן דורך א גלוי, וואָס איז העכער פאַר ביידע היפּוכים. דאָס איז דאָך, ווי מ'רעדט אין חסידות, דער ענין פון עושה שלום במרומיו וכו'. נאָר דאָס איז נאָך ניט די פּשוטע איינציקייט, די לחלוטין פשוטע איינ־ציקייט. מ'דאַרף נאָך האָבן אַ שטאַרק ביסל ספירט, כדי מ'זאָל זיך

שוין טאַקע נאָר אויסניכטערן און דערהערן ווי מ׳איז באמת טאַקע בטל בתכלית אין אלקות. דאָס איז דער ענין, וואָס אין אַזאַ גרויסער שמחה האָט מען אין בית־המקדש אויפן מזבח וויין גע־גאָסן. מ׳דאַרף, מ׳דאַרף נאָך, נאַרן, האָבן דעם אמתן חסידישן ספירט...

# III.

קיינער אין שטאָט געדענקט ניט געני, ווי דאָס איז פאָרגעקומען, כאָטש כמעט אַלע זיינען געווען ניט נאָר לעבעדיגע עדות, נאָר אויך טיילנעמער פון דעם דאָזיגן אומגעוויינלאַכן געשעעניש. ניט קוקנדיג אויף דעם, אָדער דוקא מחמת דעם, וואָס דאָס דאָזיגע געשעעניש האָט אַזוי אויפגעבראַכט גאַנצע שטעט, האָבן זיך דערנאָכדעם אַלע, ווי פון אַ חלום, אויפגעכאַפט, זיך מיט גרויס מיה געקענט דערמאָנען דאָס איבערגעלעבטע. דערהויפט האָט דאָס, דוכט זיך, ניט לאַנג פאָרגעקומענע — שוין באַלד אויסגעזעהען ווי אַ ווייטע, אַלטע לעגענדע, וואָס האָט שוין קוים פאַרמאָגט וועלכע ס׳איז קאָנטורן פון אַ פאַקטיש לעבעדיגער מעשה. און די פאַרגאַפטע פאַנטאַזיע האָט זיך געוואָרפן אין דערמאָנונגס-קראַמפן און ניט וועלנדיג פאַרפלאָכטן געשעהענע און אויסגעטראַכטע איבערלעבונגען. נאָר אַלע געדענקען מער אָדער ווינציגער דייטליך פאָלגנדעס:

באַלד נאָכן גרויסן שבת איז חיים אַהיים געפאָרן. אַ קורצע צייט נאָכדעם (קיינער וויים ניט געני ווען) האָט מען שוין חיימען ניט דערקענט. ער איז אייגנטלאַך ניט אַן אַנדערער געוואָרן, נאָר דאָס שטענדיגע פייער אין אים האָט פאַרבלענדנד-העל אויפגעפלאַקערט. די אומערטערגלאַכע, כאָטש אפילו לאַנג ערוואַרטעטע עליה איז איבער זיין נשמה געקומען. דאָס לעבן אין און אַרום אים האָט זיך אַנטבלויזט אין זיין אומגעהייערער נאַקעטער

גאַנצקייט. ס'איז אַראָפּגעפאַלן פון דער וועלט דער שטענדיגער שיין פון כּלומרשט טויטער באַזונדערקייט. ווערטער, אותיות, געשטאַלטן, ווירקונגען, געשעהענישן — אַלץ איז געוואָרן אומערטרעגלאַך דורכזיכטיג. וואוהין נאָר ער האָט זיין בּליק געווענדעט — האָט זיך אָנגעהויבּן ווי רויך צוגיין דער לעבּנס-נעפּל פון דעם גאַנצן וועלט-פּאַרנעם, וועלכע איז דאָך טאַקע נאָר דער חיות אלקות. ער האָט זיך אפילו ניט אָפּגעשטעלט בּיי דער לעצטער קליינער פּשרה, וועלכע לאָזט נאָך וועלכע ס'איז וועלט-אָרדנונג. האָבּן שוין די חבדישע תורות פון זיך אַליין אַראָפּגעוואָרפּן די סאַמע דינסטע ווערטער-שאָלעכץ און אַנטפּלעקט זייער פּאַרבּלענדנד העלן ליכט-קוואַל. אַזוי האָט טאַקע אַלץ, וואָס איז געקומען אויף זיינע ליפּן אָדער זיך אין אים אָנגערירט, אָנגעהויבּן צו לייכטן און צו גליען.

חיים האָט זיך אויסערלאַך ניט געענדערט. ער האָט נאָר אויסגעזעהען פּייערלאַך-רוהיג און גליענד-שטיל. פון זיין גאַנצער מעכטיגער פיגור, פון זיינע פּאַרקלערט-לייכטנדיגע אויגן, פון זיין שטענדיג הייסן אָטעם, פון דעם שטיל-גליענדן ציטער, וואָס האָט זיך אויסגעגאָסן בּיז אויפן לעצטן קנייטש פון זיין קאַפּאָטע — פון אַלץ אין אים האָט געווייעט די פּייערלאַכע רוה פון אַ אינערלאַך גייסטיגע בּאַנומענקייט. אויף אַלץ און אַלעמען האָט ער געקוקט מיט אָפּענע, נאָר ניט זעהענדיגע אויגן, וועלכע האָבּן טאַקע דערפאַר גאָרנישט ניט געזעהען, ווייל זיי האָבּן שוין גאָר אַלץ געזעהען. דער כּלומרשטיגער שיין האָט שוין גאָר-ניט פּאַרדעקט. אויף זיינע ליפּן האָט אָנגעהויבּן לייכטן עפּעס אַ מאָדנער שמייכל. אָנגעהויבּן האָט זיך דער שמייכל עפּעס בּאַלכסונדיג-פּאַרחלשט אין דעם רעכטן ווינקל פון זיין מויל און זיך בּאַלד מיט אַ בּרען פּאַרלוירן אין דער טיף פון דער שוואַרצער בּאָרד. אַזוי אַרום האָבּן זיך קיים, קוים בּאַוויזן די ווייסע פּאַרחלשטע ציין. איז שוין ניט

נאָר דער געזיכטס־אויסדרוק, נאָר אָט דער שמייכל אַליין האָט אַרויסגעוויזן עפּעס אַ אַנטציקנדע פאַרפאַלנקייט און מאוימדיג הוילע, מסירת־נפשדיגע נאַקעטע אַנטשלאָסנקייט.

האָט זיך טאַקע נאָר געוואָרפן אין די אויגן זיין אויפפירונג. אַ שטענדיג שטורמישער איז ער עפּעס געוואָרן אַזוי מאָדנע קאָנ־צענטרירט און שטיל־שווייגנד — עפּעס אַ פאַרגאַפטע דביקות־שטילקייט האָט איינגעזאַפּט זיין שטורמישן אומרוה. פון ליובאַוויטש זיינען אָנגעקומען פרישע כּתבים פון די לעצטע רבּינס מאמרים, וועלכע חיים האָט אָבער ניט געהזרט, ווי אַלע מאָל, פאַרן עולם. אַליין זעלטענער האָט מען אים געזעהען אויף חבּדישע יומא־דפּגראס און חסידישע נעכטלאַך, וועלכע זיינען איננגיכן, ווי ער, פאַרגאַפט אַנטשווינגן געוואָרן. ניט וואָס ער איז פון מענשן געלאָפן אָדער זיך וויפיל ס׳איז אָפּגעזונדערט, נאָר ווען ער איז געשטאַנען צווישן עולם, האָבן אַלע ציטעריג געפילט זיין פאַרגאַפטע דביקותדיגע אָפּגעטראָגנקייט. די ערשטע טעג האָבן זיך חסידים נאָך דרך־ארצדיג געגלייכוועדטלט, מיט דער חבּדיש העזהדיגער אויפגעבונדקייט.

— חיים טרינקט משקה אין עולמות העליונים...

— חיים זוכט שוין אַ ביסעלע ספּירט פון יין המשומר...

— ער דראַפּעט זיך שוין העכער פון די עולמות העליונים...

אַנדערע האָבן געלאָזט אין גאַנג חיימס ווערטער:

— „נחלים לוחשות“ פונם „קאַלך־אויוון“...

עלטערע חסידים האָבן זיך פון אָנהויב אָן באַצויגן מיט אַ אינערלאַכן חשד צו חיימס נייער אויפפירונג און זיך אָנגעהויבן באַלד פון אים צו דערווייטערן. אין זיין נייעם דרך האָט חיים ניט נאָר ניט געפרעגט דעם רבּין אָדער זיך מיט אים אַ עצה געהאַלטן, נאָר ער האָט אפילו עפּעס ווי פאַרגעסן, אַז ס׳איז פאַראַן אַ רבּי אויף דער וועלט. עלטערע חסידים האָבן אויף אים געקוקט מיט דער זעלטזאַמער מינע, וואָס האָט ווי געהייסן: מיר

האָבן שוין לאַנג געוואוסט, אַז מיט אים וועט זיך גלאַט ניט ענדיגן. זיי האָבן מער געפילט, ווי פאַרשטאַנען, אַז די נייע כוואַליעס פון חיימס התלהבות וועלן ניט צעבּרעכן, נאָר פּשוט פאַרפלייצן די אייזערנע זיילן פון דער חבדישער וועלט, די טוי־זנטיאָריגע אייבּיגע זיילן פון תּורה און יידישקייט, וועלכער חבּד האָט נאָר אויף זיין שטייגער בּאַנייט און בּאַלויכטן. פון חיימס נייער אויפפירונג האָט זיך געטראָגן עפּעס אַ ניט־יידיש פאַר־פירערשער בּרען פון אַ לחלוטין ניט איינגעהאַלטענער, סטיכיש פאַרפלייצנדער עליה.

אַחוץ דעם איז בּיי עלטערע חסידים נאָך צו פריש געווען אין זכּרון די מעשה פון דעם סטאַראָשעליער. דעם אַלטן רבּינס אַ תּלמיד, האָט דער סטאַראָשעליער כּמעט מיט דערזעלבּיגער מסירת־נפשדיגער אַנטשלאָסנקייט, ווי חיים גראַוויצער (כאָטש אפילו אויף אַן אַנדער אופן), דערזעהען און אָנגעצונדען אין זיך דאָס גרויסע חבּדישע ליכט פון געטלאַך־פּשוטער שמחה און אויפגעהויבּענער התלהבות. טאַקע נאָר אַרויס פון די כּלים אין אמתן בּיטול צו אלקות. אַזוי האָט זיך טאַקע נאָך דעם אַלטן רבּינס הסתלקות די חבּדישע וועלט כּמעט געשפּאָלטן: אַנדערע זיינען געפאָרן צום מיטעלן רבּין און אַ טייל חסידים האָבן זיך גע־צויגן נאָך דעם סטאַראָשעליער. די חבּדישע וועלט האָט זיך שטאַרק אַ וואַקל געטאָן. אין דער לופט האָט זיך שוין אַ ריח פון מחלוקת געטראָגן. דער שטן וואַרט דאָך און לעכצט נאָך וואַק־לעניש פון גרויסע נשמות... ס'האָט געדויערט אַ שטיקל צייט און חסידים זיינען גענוג אויסגעשטאַנען, בּיז מ'האָט ווידער אויפ־געשטעלט די גאַנצקייט פון דער חבּדישער וועלט אונטער דער פירונג פונם מיטעלן רבּין. עלטערע חסידים האָבן טאַקע איצט מיט גרויס זאָרג געקוקט אויף דער נייער פאַרפלייצונגס־סכּנה פון דעם גראַוויצער.

מ׳דערציילט, אַז נחום דער אַלטער שוחט האָט זיך טאַקע איינגעשטעלט און נאָך געפּרובט חיימען איבעררייִדן. איינער פון די עלטערע זקנים, וואָס זיינען נאָך געפאָרן צום אַלטן רבּ׳ין זכרונו לברכה, איז נחום דערצו געווען אַ „שאַרפע יאַרמלקע“. עטלאַכע און זיבעציג יאָר אַלט, האָט נאָך בּיי אים די האַנט ניט געציטערט און ער האָט זיך נאָך אויסגעצייכנט צווישן יינגערע שוחטים. ווי אַנדערע עלטערע חסידים, האָט ער מיט שרעק צוגעקוקט, ווי מאָוימדיג ס׳וואַקסט אין חיימען די פּאַרפלייצנדע התלהבות, וואָס צינדט אָן און פאַרכאַפּט נייע מוחות און הער־צער. בּאַזונדערס האָט ער זיך דערשראָקן, ווען אפילו אייניגע עלטערע חסידים האָבן נישט געקענט בּיישטיין און האָבן זיך געלאָזט פאַרפלייצן פון דעם שטיל־גליענדן שטראָם. איז ער שוין איינמאָל אין בּית המדרש צוגעגאַנגען צו חיימען, האָט אים אַנידערגעלייגט די האַנט אויף די פּלייצעס און אַ זאָג געטאָן:

— דו ווילסט טאַקע, חיים, גאָר ווי אליהו הנביא אַ לעבעדי־נער אויפן הימל אַרויף. נאָר צייט אליהו הנביא האָט עס קיינער ניט געוואָלט נאָכטון. אפילו דער בּעל שם, זכרונו לברכה, האָט זיך דאָס ניט געקענט פאַרגינען. ווארום ניט דאָס איז דער רצון הבּורא, אַז וועלטן זאָלן זיך דערזעהען און פאַרשווינדן. בּיי דער העכסטער מדרגה דאַרף מען דאָך ערשט האָבן תּורה ומצוות, קיין שפּרענקאַלע אויף דער וועלט טאָר מען ניט פאַר־געסן — נחום די שאַרפע יאַרמלקע האָט דעם קול אויפגעהויבּן און האָט זיך דאָס אַ וואָרף געטאָן — נאָר דער נחש הקדמוני, די גיפטיגע שלאַנג פון דער נשמה גייט נאָך כּלומרשט ווייטער פון דעם רצון הבּורא. אָט דאָס איז די תּקיפות פון דער סטרא אחרא. וואָס קלערסטו זיך? דו מיינסט אין דער אמתן, אַז דו וועסט זיך לאַנג רבּ׳קען. אפילו דער סטאַראָשעליער איז דאָך אַזוי ווייט ניט געגאַנגען. און דערצו...

נחום האָט זיך אין מיטן אָפּגעשטעלט. ער האָט פּלוצים באַמערקט, אַז חיים הערט אים ניט, אָדער, ריכטיגער, חיים הערט אין זיינע ווערטער עפּעס לחלוטין ניט דאָס, וואָס ער נחום וויל זאָגן. עפּעס ווי פּלוצים האָט נחום דערזעהען חיימס אָפּענע, אומ־געוויינלאַך ליכטיג פּנים. האָט ער נחום שוין דערפילט, אַז די האַרבסטע ווערטער צעגייען זיך אין דער שטיל גליענדער גאַנצ־קייט פון חיימס התלהבות, ווי שטיקער אייז אין אַ פייער־אָפּגרונט.

— נחום! טו נאָר אַ רעכטן קוק, האָט חיים צו אים גע־זאָגט, שטראַלנדיג מיט זיין פאַרחלשטן וואונדער־שמייכל, — ווייסטו שוין דערזעהען און דערהערן, אַז ס'איז טאַקע גאָר „אין עוד מלבדו". הערסט, אין עוד מלבדו — ניטאָ גאָר גישט אַחוץ אים! ס'איז אַזוי גרינג אויפהייבן און אויסלייזן אַלע וועלטן. מ'טאָר אַ רגע ניט פאַרלירן. ס'שיינט דאָך שוין אומעטום דאָס אייביגע ליכט פון אין עוד מלבדו. נחום, טו נאָר איין רעכטן קוק...

ס'איז שוין אַזוי מאָדנע, אַז נחום די שאַרפע יאַרמלקע שטייט נאָר אַ צעמישטער. דאָס האַרץ האָט ביי אים פּלוצים פאַרחלשט. עפּעס אַ פאַרפלייצנדע מתיקות האָט אים אַרומ־גענומען און מאָדנע אָפּגעשוואַכט. וואָס טוט זיך עס דאָ? חיימס אָפּענע אויגן קוקן אים גלייך אין דער נשמה אַריין און די רייד חיימס דרינגען עפּעס אַליין אַריין אין די ציטערינגע טיפעניש — וועקן, ציהען, ציהען... אַזוינס האָט ער, נחום, געפילט, ווען נאָך אַ זעכצניאָריגער יינגל האָט ער צום ערשטן מאָל געהערט הסידות פון דעם אַלטן רבין, זכרונו לברכה. אפשר וואָלט ער טאַקע געבליבן ביי חיימן אַ ווײַלע — נאָר אויף צו זעהען... וואָס? נחום האָט זיך שוין טאַקע גאָר דערשראָקן פאַר זיך, דערפילנדיג עפּעס פאַרפלייצנדעס, פאַרכאַפּנדעס... נאָר דווקא די ציהענדע מתיקות, די פאַרפלייצונגס־געפאַר האָבן געוועקט ביי אים אַ חשד פון סטרא אחרא און אַרויסגערופן אין אים די מסירת־נפשדיגע איבערגעבנקייט פון אַ אַלטן חסיד, וואָס שטייט אויף דער וואַך

פון די אייזערנע חסידישע יסודות. האָט ער זיך האַסטיג אַ קער געטאָן און זיך געלאָזט לויפן פון בית המדרש. ער איז געלאָפן, ניט אומקערנדיג אפילו איינמאָל דעם פנים... מ׳זאָגט, אַז ניט פאַרגייענדיג אפילו אַהיים, האָט ער לויפנדיג פון בית המדרש זיך געלאָזט גלייך צופוס אין ליובאַוויטש.

טאַקע, ווער ס׳האָט זיך נישט געשטעלט חיימען אויפן וועג, דער האָט ניט געקאָנט ביישטיין. אונטער די אויגן האָט מען נאָך שטאַרק געקענט צוויפלען, חקרנען, מורא האָבן, איבער־קלערן. דערזעהט מען אָבער חיימען — ווערט מען שוין אָהן ווער־טער אַנטציקנד־שטיל און נשמהדיג פאַרגאַפט פון דעם שטיל גליענדן ציטער, וואָס האָט געווייעט אפילו פון דעם לעצטן קנייטש אין זיין ברייטן שוואַרצן גאַרטל. ווי אַזוי איז דאָס געשעהן? פאַרוואָס און ווי אַזוי כאַפּט זיך דאָס אויף פלוצים ביי יעדן ווי פון יענער זייט נשמה די שטענדיג איינגעדרימלטע, מאָוימדיג פשוטע שמחה, וואָס מאַכט דעם מענשן און אַלץ אַרום אים אַזוי אַנטציקנד־שטיל און ליכטיג? ס׳פּאַלט גאָר קיינעם ניט איין זיך די דאָזיגע פשוטע פראַגן צו שטעלן. דער ־שטיל גליענדער שטראָם פון מאָוימ׳דיג פשוטער התלהבות האָט שוין די נשמה עפּעס ווי פון אינעווייניג דורכגעדרונגען. נאָך עד היום, אַז מ׳דערמאָנט זיך, הערט מען זיך נישט אויף צו וואונדערן, פאַרוואָס האָט מען זיך דאמאָלס אַזוי וויניג געוואונדערט. ס׳האָט זיך יעדן געדוכט, אַז ער איז פשוט געקומען צו זיך, אין די לחלוטין אָפענע היכלות פון דער אייגענער נשמה.

צום אָנהויב פון יענער צייט האָט זיך חיים איינמאָל נאָך מעריב געזעצט מיטן עולם צום טיש אויף א חסידיש ביסל בראָנפן. ווי אַלע מאָל, האָט מען געבראַכט ריינעם ספּירט. מ׳האָט שוין אָנגעגאָסן פולע גלעזלאַך. נאָר איידער מ׳האָט נאָך צייט געהאַט אַ ברכה אויף דעם בראָנפן צו מאַכן, איז דער גאַנצער עולם פאַרגאַפט אַנטשוויגן געוואָרן. אין איין רגע האָט זיך דער שטיל

גליענדער ציטער אויף אַלעמען צעגאָסן. חיים האָט אָנגעהויבן מיט דעם שטענדיג פּאַרחלשטן שמייכל צו ריידן וועגן דעם ענין פון „אין עוד מלבדו". איז אָבער מערקווירדיג, אַז קיינער געדענקט היינט נישט זיינע מאמרים פון יענער צייט, וועלכע האָבן דאָך דאַמאָלס אַלעמען אַזוי אויפגעבראַכט. מ'געדענקט נאָר, אַז די סאַמע פּראָסטע סקאַרבאָווע ווערטער פון חסידות האָבן דאַמאָלס ביי חיימען אָנגעהויבן גאָט ווייס ווי אַזוי צו לייכטן און צו גליען. ס'איז רעכט צו זאָגן, אַז טאַקע נאָר דאַמאָלס האָט מען זוכה געווען צו זעהען, וואָס הייסט אין עוד מלבדו. אַלץ און אומעטום איז גאָט. האָבן שוין אַלע ממש דערפילט די גאַנצע מאוימדיגע פּראָסטקייט פון אָט דעם גליענדן אמת, די אומערטרעגלאַך קלאָרע שמחה. און מיט יעדן וואָרט חיימס וואַקסט די כלות־הנפשדיגע פּראָסטקייט, אין וועלכער ס'צעגייען אָרט און צייט. האָט שוין קיינער לחלוטין ניט באַמערקט ווי לאַנג חיים האָט גערעדט. נאָר עפּעס ווי אין מיטן די רייד האָט חיים אויפגעהויבן זיינע אָפענע אויגן צו די פענסטער און געזאָגט:

— די נאַכט גייט שוין אויס... און די זון גייט אויף אין דעם תשוקה־געזאַנג פון אין עוד מלבדו... לאָמיר, יידן, גיין אין וואַסער...

מ'האָט זיך שטיל אויפגעהויבן פון טיש, אויף וועלכן ס'זיינען נאָך געשטאַנען אומבאַרירט די אָנגעגאָסענע גלעזלאַך ספּירט. און ווען מ'איז אַרויס אויפן גאַס, האָט שוין טאַקע אָנגעהויבן באַגינען. די ערד איז געלעגן פאַרחלשט. אָהן ווערטער און באַוועגונג. און אין חלל האָבן בלאַסע באַגינען־שטראַלן געפלאָכטן א תשוקה געזאַנג פון דער אויסגייענדיגער שטילקייט:

— אין עוד מלבדו!..

האָט זיך אָט וואָס געטראָפן. שבת אינדערפריה נאָכן דאַווענען, ווען אַלע האָבן זיך שוין אָנגעהויבן פאַנאַנדערגיין, איז חיים נאָך געשטאַנען דביקות'דיג אומבאַוועגלאַך אין זיין

ווינקל, וואו ער האָט געדאַוונט. ער איז געשטאַנען מיטן פּנים צו דער וואַנט, דעם טלית איבערן קאָפּ, נאָר די פּלייצעס אונטערן טלית האָבן שוין גליענד געציטערט. האָבן זיך פון דעם ווינקל געטראָגן מאוימדיג זיסע קלאַנגען. חיים האָט מיט אַ מאָדנער מתיקות תּפילהדיג פאַרגאַפט געזונגען. איז שוין ווייטער דאָס זעלבע. קיינער געדענקט היינט נישט יענע וואונדער־ניגונים. מ׳געדענקט נאָר, אַז זיי האָבן זיך ווי אַ גליענדע פרייד אין דער נשמה געגאָסן. האָבן שוין ניט נאָר חסידים, נאָר דער גאַנצער עולם (פּשוטע קרעמערס, בעלי מלאכה, סתם בעלי בתים) האָט דערהערט אין זיך דעם תשוקה־געזאַנג פון אין עוד מלבדו. טאַקע יעדער האָט געפילט די זעלטן פּשוטע גרינגקייט פון דער אמתער התעלות.

און אַז דער עולם איז געקומען דעמזעלבן שבת פאַרנאַכט צו מנחה, האָט מען געטראָפן חיימען נאָך דאַווענדיג אין דעמזעלבן ווינקל, וואו מ׳האָט אים אינדערפריה געלאָזן. ער איז נאָך אפילו געשטאַנען אין דערזעלבער דביקות׳דיג אומבאַוועגלאַכער פּאָזע, ווי אינדערפריה: מיטן פּנים צו דער וואַנט, דעם טלית איבערן קאָפּ, שטיל צוקנדע פּלייצעס. נאָר די מאוימדיגע מתיקות פונם זינגען איז שוין געוואָרן טאַקע ממש אומגעהויער.

א לאַנגע צייט שפּעטער האָבן זיך איינִיגע חבדניקעס געפּרובט אויף זייער שפּראַך און שטייגער אויסטייטשן די הויכע מדרגה פון יענעם זינגען. דאָס איז אַ געזאַנג, פלעגט מען דערנאָכדעם פּרובן זאָגן, פון אַ נשמה וואָס דערהערט אין זיך די אמת ליכטיגע אויס־נשמה. אויס־נשמה און נשמה לייכטן איינע אין די אַנדערע און ווערן גלייך בטל אין אלקות. ניין, ניט דאָס, ניט דאָס! ס׳איז נאָך העכער פון אהבה רבה בתענוגים. דאָס איז אַ געזאַנג פון די באַשאַפענע וועלטן, וועלכע דערהערן אין זיך אלקות, גלייך ווי זיי וואָלטן נאָך גאָרניט באַשאַפן געוואָרן. באַשאַפן און ניט באַשאַפן געוואָרן — ביידע זיינען באַזונדער

און פאַראייניגט אין אלקות. דאָס באַהעפטעניש פון „זיין" און „ניט־זיין", פון „יש" און „אַין" אין דעם אור אין סוף. דאָס „פּאַ־ראַן" און דאָס „ניטאָ" פון דעם כּלומרשט'דיגן שיין, קודם הצמצום און לאחר הצמצום — לייכטן איינע אין די אַנדערע און ווערן בּטל אין עצמות אלקות...

נאָר אָט די אַלע פאַרשפּיצטע רייד קענען ניט אַרויסגעבּן דעם טעם פון אַ געזאַנג, וואָס איז העכער פון יעדן וואָרט און נאָמען. שוין בּעסער רעד נישט, זאָגט נישט קיין איינציג וואָרט. קיין איינציג וואָרט! די שמחה איז דאַן אין בּית המדרש געווען גרויס, אומגעהויער גרויס. אַלע זיינען פאַרגאַפטע און בּלאַסע געשטאַנען, ניט אַראָפּגעמענדיג קיין אויג פון דעם גליענדן ווינקל. וואָס מער ס'בּרענט, אַלץ מער הייבּט עס ערשט אָן צו בּרענען, אַלץ מער ווערט עס ניט אויסגעבּרענט. האָט זיך שוין דער שטיל גליענדער ציטער איבּער דער גאַנצער שול צעגאָסן. ווי אַנטצי־קנד דערשראָקענע קינדער האָט מען זיך איינע צו די אַנדערע געטוליעט און שטילערהייט געשעפּטשעט:

— חיים גראַוויצער, חיים גראַוויצער..

און ערשט שפּעט אין אָוונט, שבּת צונאַכטס, ווען אין גאַנץ שטאָט האָבּן שוין לאַנג וואָכעדיגע פייערלאַך געבּרענט, האָט זיך חיים עפּעס ווי פּלוצים אומגעקערט מיטן פּנים צום עולם. אַ ציקאַווע זאַך — מ'געדענקט דאָס נאָך ווי היינט. מיט אַנטציקנדער געלאַסנקייט האָט חיים אַראָפּגענומען און צונויפגעלייגט דעם טלית. און כאָטש אויפן שטיל פלאַקערנ־דיגן פּנים האָט נאָך געגליט דער פאַרחלשטער שמייכל, האָט ער דאָך אַזוי געשיקט אָנגעטאָן דאָס היטל אויף דער יאַרמלקע און דעם שבּת־אויבּערמאַנטל אויף די פּלייצעס. און קוקנדיג אויף אַלץ און אַלעמען מיט ליכטיג אָפענע, נאָר ניט זעהענדיגע אויגן, האָט ער דביקותדיג לאַנגזאַם מיט פאַרגאַפט זיכערע טריט דעם בּית המדרש פאַרלאָזן.

זיינען אַלע נאָך אַ לאַנגע צייט נאָכדעם פאַרגאַפטע און בלאַ־
סע אין שול געשטאַנען. ס'האָט זיך ניט געוואָלט איבעררייסן
די העל גליענדע שטילקייט. מ'האָט זיך נאָך אַלץ ווי אַנטציקנד
דערשראָקענע קינדער איינע די אַנדערע אָנגעקוקט.

— וואָס זאָגסטו, וואָס זאָגסטו?..

— חיים גראַוויצער!..

ניט וואָס חיימס געשטאַלט איז בײַ יעדן פאַר די אויגן גע־
שטאַנען. נאָר יעדער האָט אין זיך אַליין דערהערט און דער־
פילט דאָס ליכטיגע תשוקה־געזאַנג, וואָס האָט אַלץ מער און
מער פון יענער זייט נשמה געטראָגן די אומערטרעגלאַך הוילע
שמחה, אָט יענע מאָדנע אַנטציקנדע פאַרפאַלנקייט. היינט
אַז מען דערמאָנט זיך, באַגרייפט מען שווער אַזוינע זאַכן, וואָס
זיינען דאמאלס אַזוי קלאָר געווען. מ'איז דאמאלס לחלוטין
ניט אויסן געווען חיימען. נאָר ציהענדיג זיך צו חיימען, האָט מען
זיך איינגעטלאַך געצויגן צו דעם תשוקה געזאַנג פון אין עוד
מלבדו, וואָס האָט שוין אין יעדער ברוסט געפלאַטערט, צו דעם
ליכטיגן אָפּגרונט, וואָס האָט זיך שוין בײַ יעדן אין דער איי־
גענער נשמה געעפנט. חיימס געשטאַלט איז נאָר געווען אַ פאַר־
גאַפּטער וואונק, וואָס האָט אַרויסגערופן דעם ליכטיג גליענדן
תוך פון דעם אמתן נשמה־לעבן אין יעדן מענטשן. טאַקע יעדער
האָט מאוימדיג קלאָר דערפילט דאָס אייביג ברענענדיגע נשמה־
ליכט פון אין עוד מלבדו.

— אין עוד מלבדו — ניטאָ גאָרנישט אַ חוץ אים אַליין.

און לחלוטין פאַרלירנדיג זיך, האָט יעדער זיך ערשט רעכט
געפונען. נשמות האָבן זיך טאַקע דאמאלס גאָר אויף אַ נייעם
אופן אָנגעצונדן. ניט אומזיסט האָט מען עס דערנאָכדעם גע־
רופן די „גרויסע שרפה“.

און אַרויסגייענדיג פון שול האָט שוין דער עולם ניט גע־וואָלט און ניט געקאָנט זיך באַפרייען פון דעם ליכטיגן תשוקה־געזאַנג.

ס׳איז דאַמאָלס אַ שיינע זומערדיגע לבנה־נאַכט געווען. די לבנה האָט אויף אַלץ געקוקט מיט ליכטיגע, נאָר ניט־זעהענדיגע אויגן. זי האָט זיך פאַרגאַפט געדרייט צווישן ליכטיגע שטערן און קלאָר ווייסע וואָלקנס. די ערד האָט נאָר די זכיה געהאַט אויף איר צו קוקן. איז שוין אָבער דערפון אַליין די שוואַרצע פינסטערער ערד נתעלה געוואָרן אין אַ ליכטיג זילבערנע לבנה־וועלט.

אַן ערך אַ שעה פאַר האַלבער נאַכט זיינען אין די גאַסן אַרום די הייזער, ווי ס׳פּאַסירט אָפט אין אַ זומערדיגער נאַכט אויפן בעל־הבתישן שטייגער, רעדלאַך מענשן געשטאַנען, וועלכע האָבן אָבער איצט צוזאַמען עפּעס מאָדנע פאַרקלערט געשוויגן אָדער שטילערהייט גערעדט:

— חיים גראַוויצער, חיים גראַוויצער...

פּלוצים איז עפּעס, רחמנא לצלן, ווי אַ בלינדע סטיכיע אויף אַלעמען אָנגעקומען. פאַרשיידענע רעדלאַך האָבן זיך צוזאַמענגענאָסן. ס׳איז אין איין רגע אויסגעוואַקסן אַ גרויסער עולם, וואָס האָט זיך פאַרשמאַכט געלאָזט לויפן, טאַקע ממש ווי באַנומענע. מ׳איז אַריבערגעקראָכן, גאָט ווייס ווי אַזוי און צוליב וואָס, עפּעס איבער אַ פּלויט, זיך דערקליבן צו די פענ־סטער פון חיימס שטוב. די פענסטער זיינען געווען אומבאַ־לויכטן. מ׳האָט זיך פאַרשמאַכט צוגעקוקט און אין איין פענסטער האָט מען דערזעהען: נעבן סאַמע פענסטער איז געזעסן חיים גראַ־וויצער, באַגאָסן פון לבנה ליכט. די הענט שטיל צונויפגעלייגט אַרום גאַרטל, דער פאַרחלשטער שמייכל אויפן גאַנצן פּנים פאַרגאַפט צעגאָסן. האָט מען שוין אין זיין פּנים דערזעהען אַזוינס, פון וואָס ס׳האָט זיך ממש געהויבן דער מוח. זיינען מענשן געפאַלן אויף די פּנימער און פאַרגאַפט געשריגן:

— חיים גראַוויצער, חיים גראַוויצער!..

אויף מאָרגן האָט מען נאָך די קראָמען געעפנט. די וועלט האָט זיך אויף איר שטיינער געפירט. ווי אַלע מאָל איז חיים גראַוויצער געגאַנגען אינדערפריה פאַרביי די קראָמען אין בית-המדרש. זייענדיק פון די קראָמען אַרויסגעלאָפן קרעמער אין די פאַרשמאָלצענע קאַפּאָטעס. און נאָכקוקנדיק חיימס פאַרגאַפטע זיכערע טריט, האָבן זיי זיך ווי די קינדער געטוליעט איינער צום אַנדערן און שטילערהייט געשעפטשעט:

— חיים גראַוויצער, חיים גראַוויצער!..

ניט ווייט פון בית המדרש זייענען פון די הייזער אַרויס ווייבער און קינדער און הויבנדיג די הענט צו חיימען מיט גרויס שמחה געשריגן:

— חיים גראַוויצער, חיים גראַוויצער!..

האָבן שוין אַלע פאַרשטאַנען, אַז אַזוי קען זיך שוין דאָס לאַנג ניט ציהען. אָדער אַלע וועלן זיך שוין גאָר אויפהויבן צו חיימען און וועלן מיט אים צוזאַמען אויסגיין אין דעם תשוקה-געזאַנג פון אין עוד מלבדו, אָדער חיים וועט, חלילה, צוריק צו די מענשן אַראָפּפאַלן. אַלע האָבן געפילט, אַז אַ גרויס פייער שוועבט אויף דער שטאָט, וועלכע ברענט שוין איינגעטלאַך — אָט אָט וועט די „גרויסע שרפה" אין אומגעהייערע פלאַמען אויסברעכן.

האָט דאָס שוין טאַקע געטראָפן דעמזעלבן טאָג פאַרנאַכט. עפּעס ווי פלוצים האָט זיך דער שטיל-גליענדער ציטער איבער דער גאַנצער שטאָט צעגאָסן. קיינער געדענקט היינט נישט גע-נוי, ווי אַזוי ס'האָט זיך אָנגעהויבן. גאָט ווייס פון וואַנען און ווי אַזוי האָט זיך עס אַרום פאַרנאַכט ווי אַ פאַרבלענדנד-העלער בליץ די גאַנצע שטאָט דורכגענומען עפּעס אַ אומגעוויינלאַכע ידיעה. די דאָזיגע ידיעה האָט, ווי ס'פאַסירט אָפטמאָל, דוקא דערפאַר אויסגעזעהען באַזונדערס אומגעוויינלאַך און אומער-

ווארטעט, ווייל מ'האט שוין אויף איר לאנג מיט אזא אָנגע־שטרענגטער, כאָטש באַהאַלטענער אומגעדולד געוואַרט. ווי אַ מאוימדיג־ליכטיגע בשורה האט עס אַלעמען איבעראַשט:

— חיים גראַוויצער, חיים גראַוויצער רופט... ער רופט...

— וואָס? חיים גראַוויצער אַליין?..

עפּעס אַ מאָדנע אַנטציקנדע אימה איז אויף דער שטאָט אָנגעפאַלן. מ'געדענקט דאָס נאָך ווי היינט. מענשן האָבן אַליץ פון די הענט געוואָרפן, קרעמער האָבן אפילו די קראָמען ניט גוט פאַרמאַכט. אַלע האָבן זיך פאַרגאַפטע געלאָזט לויפן. ס'איז אזש געוואָרן שוואַרץ אין די גאַסן. פון אַלע עקן שטאָט, פון פאַרשיידענע גאַסן איז מען געלאָפן דורכן מאַרק אין דער אַלטער שול, פון וואַנען חיים איז נאָך היינט ניט אַרויסגעגאַנגען. אַ געוואַלטיגער מענשן־שטראָם האט זיך מיט גרויס אימפּעט אַריינגעגאָסן אין שול. מ'האט געעפנט טיר און פענסטער, דורך וועלכע ס'האָבן פאַרשמאַכט אַריינגעקוקט הונדערטער מענ־שן. ווי אַ אינערלאַך ברויזנדער ים, האט דער עולם ניט אויפ־געהערט צו וואַקסן. מיט יעדער רגע האָבן זיך צו דער שול נייע כוואַליעס פון מענשן געטראָגן. נאָר קיינער האט לחלוטין ניט געפילט די אוממענשלאַכע ענגשאַפט. פאַרגאַפטע און איבעראַשטע, האָבן אַלע ממש מיט איינגעהאַלטענעם אָטעם געזעהען און געהערט חיימען, וואָס איז געשטאַנען עפּעס אויף אַ באַנק מיט אַ ליכטיג שמייכלענדיג פּנים און מיט אַ אומפאַרשטענד־לאַך־אַנטציקנדער רוה גערעדט. יעדעס איינציג וואָרט האט זיך ממש אין יעדנס נשמה אָפּגערופן און געלויכטן. האט שוין מיט יעדן וואָרט אָנגעהויבן אומגעהייער צו וואַקסן די אַזוי ווייטע און אַזוי נאָהענטע מאוימדיג קלאָרע שמחה. דער מאמר, ווי אַלע זיינע מאמרים פון יענער צייט, איז אין זכרון ניט געבלי־בן. מ'געדענקט אָבער ווי היינט, אַז יעדעס וואָרט האט מיט אומערטרעגלאַכער שמחה געבלישטשעט, ווי אַ אַנטבלויזטער

פייער־שווערד, וואָס צערייסט די לעצטע שיריים פון דעם כּלומרשדיגן לעבנס־נעפּל. האָט שוין דאמאלס יעדער ניט נאָר פאַרשטאַנען, נאָר אויך ממש געפילט, אַז ווי אַ שטרוי־דמיון איז פאַרשוואונדן די שיין־מחיצה, וואָס טיילט כּלומרשט אלקות און וועלט, נשמה און אוים־נשמה, אפילו דאָס זיין און ניט־זיין פון דעם שטרוי־דמיון, פון דער שיין־מחיצה אַליין. טאַקע גאָר אין עוד מלבדו. איז שוין יעדער אָטעם, יעדער קער געווען מיט שמחה אָנגעזאַפּט. באַלד האָבן גאַנצע ימים פון שמחה געזאָלט פאַרפלייצן דעם עולם. איז אָבער דער עולם, ווי חיים, געווען שטאָל און אייזן. מיט איינגעהאַלטענעם אָטעם האָט מען געטרונקען די ליכט פון חיימס רייד. און וואָס מער מ'טרינקט, אַלץ מער ווערט מען דורשטיגער. פּלוצים האָט זיך דער גאַנצער עולם ווי איין מענש אַנטציקנד אַ כאַפּ געטאָן, אויפגעהויבן די הענט אין דער הויך און מיט גרוים שמחה פאַר־גאַפּט געשריען:

— אין עוד מלבדו, אין עוד מלבדו!..

דאָס האָט מען אַפּנים אַזוי אונטערגעכאַפּט חיימס ווער־טער. ממש די ערד האָט אַ ציטער געטאָן פון דעם יובל־געשריי. חיים האָט אינגאַנצן געשטראַלט. קוקנדיג אויף אים, האָט מען באַקומען נאָך מער כּחות צו טראָגן די אומגעהויער וואַקסנדע שמחה, די אומערטרעגלאַכע עליה, וואָס איז איבער יעדער נשמה געקומען. מ'האָט שוין נישט נאָר געפילט, נאָר ממש געאָטעמט מיט דעם איין און איינציגן פּשוטן אמת, וואָס איז געווען אַזוי מאוימדיג קוויקנד:

— אין עוד מלבדו... ניטאָ גאָרניט אַחוץ אים...

פּלוצים האָט חיים עפּעס אַזוי מאָדנע צונויפגעלייגט די הענט אויף דער ברוסט, ווי נאָר איינינגע טוען עס פון דביקות ביי דער שטילער שמונה־עשרה. מיט אַ ליכטיג שטראַלנדן פּנים און מיט גרוים געזאַנג איז חיים און נאָך אים דער גאַנצער

עולם אַרוים אויפֿן גרויסן פּלאַץ, וואָס צווישן דער שול און דער לעצטער רייע קראָמען אונטערן מאַרק. אַ גליקלאַך שיינע לבֿנה־נאַכט האָט דעם פֿאַרגאַפּטן עולם אירע פֿאַרשמאַכטע אָרעמס געעפֿנט. איז דאָס געווען פּשוט אַ נס מן השמים, וואָס מענשן, בשר ודמס, האָבן אַזוינס געקענט דאמאָלס אַריבערטראָגן. די לעצטע הימלען האָבן זיך געעפֿנט. ס'האָט זיך אויף מענשן אַ לאָז געטאָן ממש אַ מבול פֿון ליכט און שמחה. חיים איז אַ שטראַלנדיגער צו אַ יונגן בוים צוגעגאַנגען, אים מיט די וואָרצל אויסגעריסן און זיך ווי אַ גליענדער וויכער געטראָגן:

— אין עוד מלבדו!.. אין עוד מלבדו!..

דער עולם האָט זיך ווייטער ווי איין מענש אַ כאַפּ געטאָן, פֿאַרגאַפּט די הענט אין דער הויך געהויבן און מיט אומגעהייער שמחה געשריגן:

— אין עוד מלבדו!.. אין עוד מלבדו!..

ווי אַ ליכטיג שטילער ים האָט זיך אַ פֿאַרגאַפּט געזאַנג אין דער לבֿנה־נאַכט געהויבן. מענשן האָבן זיך מיט קינדערשער תמימות־דיג אַרומגענומען און שטיל־גליענד געטאַנצט.

נאָך פּאַר באַגינען איז מען מיט געזאַנג פֿון שטאָט אַרויס. האָט נאָך אַ לאַנגע ווײַלע אָפּגעהילכט אין שטאָט דאָס פֿאַרגאַפּטע געזאַנג. אַזוי איז מען געגאַנגען און אָנגעצונדן איין שטאָט נאָך דער אַנדערער. און אין וואָסער שטאָט מ'איז ניט געקומען, האָבן שוין אין דער לופֿטן געפּלאַטערט, ווי די מאוימדיגע קלאַנגען פֿון אַ אומגעהויערן וואונדער־גלאָק:

— אין עוד מלבדו, אין עוד מלבדו...

איינער אַ אַלטער חסיד איז געלאָפֿן דאַן קיין ליובאַוויטש צום רבין. מ'דערציילט, אַז גלייך פֿון וואגן איז ער אַריינגעלאָפֿן מיט אַ אימפּעט צום רבין אין חדר.

— רבי! דער ים איז אַרויס פֿון די ברעגעס..

דער רבי האָט זיך ניט פֿאַנאַנדערגעפּרעגט. ער האָט זיך מאוימדיג אָפּגעשפּאַרט. אין אַ שעה אַרום איז אַרויסגעפֿאָרן אַ רייטער מיט דעם רבינס אַ בריוו צו חיים גראַוויצער. נאָר אין אַ האַלבער שעה אַרום איז שוין געלאָפֿן אַ צווייטער רייטער אומקערן דעם ערשטן. אַזוי האָט דער רבי זיין בריוו צוריקגענומען און מ׳ווייס עד היום נישט, וואָס ער האָט געשריבן.

דערווייל האָט זיך אויפֿגעהויבן איין שטאָט נאָך דער אַנדערער. נאָך חיימען איז שוין נאָכגעגאַנגען אַן עם רב. אַלט און יונג האָבן זיך פֿאַרגאַפֿט געטראָגן אין דער „גרויסער שרפֿה“ פֿון אין עוד מלבדו...

האָט שוין אָט וואָס געטראָפֿן. ערגעץ אַרום אַ שטעטל איז חיים געשטאַנען און אויף זיין נייעם וואונדער־שטייגער גערעדט פֿאַרן עולם. פּלוצים האָט זיך צו אים גאָט ווייס ווי אַזוי אַ רייטער דורכגעריסן און אים אַ טרויעריגע בשורה געבראַכט: חיימס בן־יחיד, יוסעלע, ליגט אַ גוסס אויפֿן קראַנקן־בעט און בעט רחמים דעם טאַטן, ער זאָל צו אים קומען. ניט נאָר חיים, נאָר אַלע האָבן מיט שטראַלנדיגע פּנימער די ידיעה אויפֿגענומען. וואָס איז דען טויט? טויט און לעבן ווערן דאָך גלייך בטל און נכלל אין אלקות. האָבן זיך שוין ווייטער אַלע ווי איין מענש אַנטציקנד אַ כאַפּ געטאָן, פֿאַרגאַפֿט די הענט אין דער הויך געהויבן און מיט גרויס שמחה געשריגן:

— אין עוד מלבדו, אין עוד מלבדו!..

חיים און דער גאַנצער עולם האָבן זיך מיט גרויס געזאַנג געלאָזט גייען אין חיימס שטאָט, וואו יוסעלע איז איצט אַ גוסס געלעגן.

חיימס זון יוסעלע איז גאָר ניט געראָטן אין פֿאָטער. אַ מיטלוואוקסיגער, אַ שוואַכער, מיט אַ קליינינטשקע בערדעלע, מיט אַ מאָדנעם קינדיש־בלאַסן פּנים און שטילע בלויע אויגן — איז ער יוסעלע שטענדיג געווען אַ אומגעווינלאַך צניעותדיג־שטילע און שעמעוודיגע נאַטור. טאַקע גאָר — א נחבא אל הכלים. קינ=

דער האָבן אים ליב געהאַט — דאָס חיות. אַ מלמד איז ער געווען. ער האָט נישט געקענט קיינמאָל אַ קול אויף אַ קינד אויפהייבן אָדער אים אַ קרום וואָרט זאָגן. נאָר קינדער פלעגן זיך צאַפּלען אויף זיין מינדסטן וואונק. זעלטן פלעגט מען קענען מיט אים פירן אַ שמועס. ביי די ערשטע רייד פלעגט ער זיך עפּעס ווי פון בושה דערשרעקן און זיך שעמעוודיג אַרויסדרייען. דערפאַר האָט ער אָבער מיט גרויס נעימות געלייענט שבת אין שול די תורה פאַרן עולם. אין ליובאַוויטש שטייט ער אין די לעצטע שורות צווישן בחורים און ייִנגלאַך. נאָר דעם רבינס צוויי־שעהדיגן מאמר נעמט ער איבער מיט איין אָטעם. פלעגט ער שוין קענען אין ליובאַוויטש ערגעץ אויף אַ אכסניה צווישן פּשוטע יונגע מלמדים חזרן מיט גרויס נעימות דעם רבינס מאמר; באַווייזט זיך דערביי אָבער ווער פון די „גרויסע“, אַזוי בלייבט ער שוין פון בושה גאָר אָהן לשון. איז שוין אין זיין שעמעוודיגער שטילקייט — אַ פאַרבאָרגענע קראַפט געלעגן. שטילערהייט איז ער זיך געווען אַ בקי בש״ס. געוואוסט אויף אויסווייניג ספרי קבלה, הונדערטער חבדישע מאמרים, געקענט שרייבן, לייענען אין דער תורה. אַ מושלם! מ׳האָט אים שטאַרק ליב געהאַט, מ׳פלעגט שוין גאָר האַרציג שמייכלען, ריידנדיג וועגן יוסעלען. ראש השנה פלעגט מען מכבד זיין ניט חיימען, נאָר יוסעלען מיט די פסוקים פאַר תקיעות. חבדניקעס פלעגן דאָך זעלטן צולאָזן אַ שנעק אַ יונגנמאַן זאָגן די פסוקים. נאָר יוסעלע בלאָזט שופר — טאַקע אַ ציקאַוועס. די תקיעות גייען אַרויס ריינע, ציכטיגע און קלאָרע. און יוסעלע טוט דאַן אָן דעם ווייסן קיטל, פאַרגאַרטלט זיך מיט דעם ברייטן שוואַרצן גאַרטל, דעם טלית טוט ער אָן עטוואָס איבערן קאָפּ. און אַז ער פאַרנעמט מיט דער רעכטער האַנט דעם טלית אונטערן בערדל און טוט אַ געשריי „למנצח“ — צעוויינט ער זיך טאַקע אַזוי קינדיש אמתדיג און שטיל, אַז אויפן גאַנצן בית המדרש פאַלט אָן אַ אימה.

פון קינדווייז אָן איז ער געווען אַ בלאַסער, עפּעס שטילער־הייט געפּירכעט און אונטערגעהוסט. האָט שטאַרק געליטן אויף די לונגען. דאָס לעצטע יאָר האָט ער אָנגעהויבן אַליין מער צו שפּייען מיט בלוט. איז ער אָבער געווען „אַ מטופל" מיט אַ ווייב און דריי קינדערלאַך — האָט ער זיך געמאַכט ניט וויסנדיג און שטילערהייט ווייטער געאַרבעט און געקנעלט. פּלוצים האָט זיך אים אַ לאָז געטאָן בלוט פון האַלז. ער האָט זיך געמוזט לייגן אין בעט, פון וועלכער ער איז שוין ניט אויפגעשטאַנען. געלעגען איז ער אין בעט הכנעה׳דיג שטיל, ניט געקלאָגט זיך, ניט געשריגן — ווי אַ ליכט איז ער שטילער־הייט אויסגעגאַנגען. איינמאָל אינדערפריה האָט ער פּלוצים געעפנט די אויגן, אָנגעשטרענגט די לעצטע כחות און מיט אַ בלאַסן שמייכל געזאָגט:

— ס׳ווילט זיך זעהען דעם טאַטן... דעם טאַטן...

אויף מאָרגן נאָך דעם, פאַר באַגינען, האָט ער נאָך פאַרריכט די יאַרמלקע אויפן קאָפּ, אַ קורצע ווײַלע תּפלהדיג שטיל עפּעס געשעפּטשעט מיט די ליפּן. אין עטלאַכע מינוט אַרום איז ער אויסגעגאַנגען, איבערלאָזנדיג אויפן בלאַסן פּנים אַ מאָדנע ליכטיגן שמייכל. האָט מען דוקא איצט ערשט דער־זעהען וויפיל הייליגע תּמימות ס׳איז אין זיין פּנים געלעגן. וואָס, איז ער שוין געשטאָרבן? ערשט אין אַ פּאָר מינוט אַרום האָט זיך אין שטוב אַ יאָמער אָנגעהויבן.

פרעמדע מענשן האָבן זיך געמוזט אָנטאָן אַ כח אים „אָפּ־צוהייבן" אויף דער ערד — אַזוי קינדיש פריש און מאָדנע שטראַלנד האָט זיין פּנים אויסגעזעהן. מ׳האָט אים אָבער אָפּגעהויבן, מיט שוואַרצן געוואַנט באַדעקט, צוקאָפּנס ליכט אָנגעצונדן. דאָס ווייב זיינס, לאה, נאָך גאָר אַ יונגע, האָט זיך געריסן די האָר פון קאָפּ, זי איז געזעסן רעכטס פון די אָנגעצונדענע ליכט און זיך משונה׳דיג געקלאַמערט און געצויגן מיט די הענט צו

דער אייבערשטער העלפט פון דעם צוגעדעקטן בר־מינן. זי האָט זיך אָבער בשום אופן ניט געקאָנט אָנרירן, גלייך ווי דער טויט וואָלט שוין ניט צוגעלאָזן קיין לעבעדיגן ריר צום בר־מינן. א פאַרלאָרענע און צעשויבערטע האָט זי זיך געשטיקט פון ספּאַזמעס. די קינדער זיינען געשטאַנען דערשראָקענע אין די ווינקלאַך און פון בלויזן שרעק געוויינט. פון וואַנען האָבן זיך דאָס גענומען אַזוי פיל קלאָג־מוטערס. פאַרשיידענע קרובות, מייסט עלטערע ווייבער האָבן אויף אַ קול געוויינט, געשריגן, עפּעס יאָמערלאַך געטענהט און געקלאָגט. אין מיטן דערין האָט זיך אַ שרעק־געפילדער אויפגעהויבן: דאָס האָבן מאַנסביל אַרויסגעטראָגן אויף די הענט יוסעלעס מוטער, וועלכע האָט געחלשט און זיך גאָרניט געלאָזט אָפּמינטערן. און אין דעם יאָמערליכן כאָאָס האָט די זון אַזוי קרענקלאַך העל דורך די פענסטער אַריינגעלויכטן, אַז די ליכט האָבן שוין גאָר שוואַך און שעמעוודיג קוים געברענט צוקאָפּנס פון דעם בר־מינן. נאָר פון דעם שוואַרצן געוואַנט האָט זיך געטראָגן אַ פאַרפאַלענע קבר־שטילקייט, די פייערליכע רוה פון עולם האמת...

פלוצים האָט זיך פון ווייטן עפּעס דערהערט אַ אומגעהויערער געזאַנג, וואָס איז מיט יעדער רגע געוואָרן אַלץ נאָהנטער און גרעסער. באַלד טאַקע האָט דאָס געזאַנג מיט גרויס שמחה אין די פענסטער א קלאַפּ געטאָן. האָבן אַלע אין חדר פאַרגאַפּט אויפגעציטערט. נאָך איידער מ'האָט זיך רעכט אומגעקוקט, איז שוין אַ עם רב צו דער שטוב צוגעגאַנגען. גאָט ווייס ווי אַזוי האָבן זיך טיר און פענסטער געעפנט. מיט אַ שטראַלנדיגן פּנים און מיט גרויס געזאַנג איז חיים און נאָך אים אַנדערע אַריין אין שטוב.

לאה איז פאַרגאַפּט דערשראָקן אויפגעשטאַנען פון אַרום דעם בר־מינן, מיט גרויסע אויגן געקוקט אויף חיימס שטראַלנדיגן פּנים און איז פאַרגליווערט שטיין געבליבן. דאָס פאַר־

גאַפּטקייט האָט אָבער נאָר בולטער געמאַכט איר גרויליכע דער־שלאָגנקייט.

האָט חיים מיט גרויס ליבשאַפט צו איר די הענט געהויבן. מ׳האָט אויפגעהערט צו זינגען און זיך מיט איינגעהאַלטענעם אָטעם צוגעהערט.

— לאהלע! וואָס איז דאָ צו וויינען? מיר וועלן דאָך צו־זאַמען מיט יוסעלען מקבר זיין דעם טויט. דער טויט, ווי לעבן, איז דאָך נכלל און בטל אין אלקות...

האָט ער זיך שוין מיט דעם שטראַלנדיגן פּנים צום עולם געווענדט:

— איר הערט דאָך אַלע, ווי דער טויט אַליין האָט אָנגע־הויבן צו גוססן. דער טויט שטאַרבט, גייט אויס אין אלקות... לאָמיר אָנצינדן ליכט צו דער יציאת נשמה פון דעם טויט — אין עוד מלבדו...

ביי די לעצטע ווערטער האָט לאהלע אָנגעהויבן פאַרגאַפּט שמייכלען. אַ רגע האָט זי עפּעס געזוכט מיט די אויגן, ווילנדיג זיך אָן עפּעס דערמאָנען. באַלד איז זי צוגעלאָפן צום פענסטער, אַרויסגעפונען פון דאָרט אַ פּאָר ליכט, וועלכע זי האָט מיט גליענדער איבערגעבנקייט צוגעטראָגן צו חיימען.

האָט שוין געהערשט אַ ליכטיגע שטילקייט, וואָס האָט אַלע נשמות אַרומגענומען.

מיט אַ שטראַלנדיגן פּנים האָט זיך חיים עטוואָס אָנגעבויגן צו די ליכט, וואָס ברענען צוקאָפּנס פון דעם בר־מינן, האָט אָן זיי אָנגעצונדן די צוויי ליכט און מיט גרויס שמחה זיי אַוועק־געשטעלט אויפן טיש און געזאָגט:

— ובלע המות לנצח — דער טויט גייט אויס, ווערט בטל און פאַרשלונגען אין דעם אמתן נצח. אין אַלע נשמות, אין אַלע וועלטן, אין יעדער זאַך ברענען אייביגע ליכט פון אין עוד מלבדו צוקאָפּנס פון דעם טויט, וואָס ווערט מיט יעדערן נתעלה

און בטל אין אלקות. ס׳ברענט, ס׳ברענט דאָס אייביגע ליכט פון אין עוד מלבדו...

דער עולם האָט אַ ציטער געטאָן און ממש מיט גליענדער שמחה געשריגן:

— אין עוד מלבדו, אין עוד מלבדו...

האָט זיך שוין ווייטער אַ געזאַנג פון טויזנטער נשמות געטראָגן.

חיים האָט מיט זיין שטראַלנדיג פּנים דאָס געזאַנג באַלויכטן און טאַקע גאָרניט ווייט פון בר־מינן אָנגעהויבן גליענד צו טאַנצן.

מיט גרויסע אויגן האָט לאהלע אויף חיימען געקוקט, אַ רגע האָט זי פאַרגאַפּט די הענט אין דער לופט געהויבן און פּלוצים איז זי מיט גליענדער איבערגעבנקייט געפאַלן חיימען צו די פיס.

— ווער ביסטו, לאהלע, און ווער בין איך, וואָס דו פאַלסט מיר צו די פיס. אין דיר, ווי אין מיר, ברענט דאָך דאָס אייביגע ליכט פון אין עוד מלבדו...

האָט שוין דער שוואַרצער געוואַנט גאָר קיין פּנים ניט געהאַט. מ׳האָט זיך שוין אָהן אים אַפּולע מער עולם־האמתדיג געפילט, מ׳האָט אָבער ערשט רעכט עולם־האמתדיג הייס גע־אָטעמט און געטאַנצט.

עפּעס אַ ליכטיגער יום־כפּור, אַ שבת־שבתון, איז יענער טאָג געווען.

מיט גרויס שמחה און געזאַנג האָט מען מלוה געווען די מטה אויפן בית־עולם. און אויף דער מטה האָט יוסעלע טאַקע גאָר ווי אַ שטיל קינד אויסגעזעהען, וואָס האָט זיך שפּילנדיג ליכ־טיג איינגעדרימלט, איבערדעקנדיג זיך מעשה־קינד איבערן קאָפּ.

נאָר שרה, יוסעלעס מוטער, איז ווי אַ פרעמדע צווישן דעם זינגענדיגן עולם געלאָפן. איינגעהילט איבערן קאָפּ אין אַ לאַנגן גרויען ווינטער־שאַל, איז זי אַ טויט־דערשראָקענע עפּעס ווי אין דער זייט געלאָפן, געקוקט אויף אַלעמען מיט אַ מאָדנע טעמפּער

אָנגעשטרענגטקייט און אומזיניגער פאַרוואונדערונג: וואָס וויל מען דאָס טאָן מיט איר יוסעלען? אָבער אין דער גאַנצער שטאָט איז קיין קינד אין וויג ניט געבליבן. די הויך־שטייענדע זון האָט שבת־שבתונדיג אַראָפּגעלויכטן אויף דעם אַנטציקט זינגענדיגן עולם.

ניט ווייט פון חיים גראַוויצער אַרום דער מטה איז שטיל געגאַנגען לאהלע אין אַ ווייסן קאָפּ־טיכל מיט איר ברוסט־קינד אויף דעם לינקן אָרעם. אירע אויגן האָבן געלויכטן, עפּעס איז זי העכער און שלאַנקער געוואָרן. אין דער ליכטיגער פאַר־פלייצעניש פון שמחה און געזאַנג האָבן זיך מענשן ניט ווילנדיג אָפּגעשטעלט און געוויזן מיט די פינגער אויף דער שטראַלנדער פיגור.

— לאהלע, לאהלע...

משה מרדכי און אפולע אַנדערע לויפן פאַר דער מטה, ווי קליינע יינגלאַך פאַר אַ חופה, אַלע ווילע קערן זיי זיך אום מיטן פּנים צו דער מטה, גייען אונטערווייליאַכיך און הויבן עטוואָס די הענט פאר זיך, גלייך ווי זיי וואָלטן דאָס געזאַנג מיט די הענט אַרומגענומען.

האָט זיך שוין דער בית עולם צום ערשטן מאָל פאַרגאַפּט אויפגעציטערט פון גרוים שמחה און געזאַנג, וואָס האָט זיך פון טויזנטער נשמות־וועלטן אין אים געגאָסן. אַפילו דער אָפענער קבר האָט פאַרגאַפּט שמייכלענדיג געזוננגען. איז שוין ווי אַ שטרוי־דמיון טאַקע לאַנג געפאַלן די לעצטע שיין־מחיצה צווישן טויט און לעבן, שטאָט און בית עולם. מיט עולם־האמתדיגער שמחה זיינען דאָך אַלע פאַראייניגט און בטל אין דעם געזאַנג פון אין עוד מלבדו. דער בית עולם און די גאַסן אַרום אים זיינען געווען פאַרפלייצט פון דעם פייערדיגן מענשן־שטראָם און דאָס גע־זאַנג האָט זיך שוין אין אַלע עקן וועלט געטראָגן.

האָט זיך דוקא יעצט דאָס אומערוואַרטעטע געטראָפן.

מיט אַ שטראַלנדיג פנים איז חיים געשטאַנען אַרום אָפענעם קבר, וואוהין מ׳האָט שוין צוגעטראָגן די מטה. אַז מ׳האָט אַראָפּגענומען דעם געוואַנט, האָט שוין חיים מיט עפּעס אַ מאָדנע שטראַלנדיגער אויפמערקזאַמקייט זיינע אויגן צו יוסעלען געווענדעט און האָט שוין טאַקע די גאַנצע צייט מער קיין אויג פון אים ניט אַראָפּגענומען. יוסעלע איז שוין מיט אַ אָפּגעדעקטן פנים אין קבר געלעגן, דער קאָפּ עטוואָס אין אַ זייט. די תכריכים האָבן אויסגעזעהען ממש ווי אַ שניי ווייסער קיטל, אויף וועלכן ס׳איז טאַקע געווען אָנגעטאָן אַ טלית עטוואָס איבערן קאָפּ. די פאָדערשטע עקן פון טלית זיינען געווען אַ ביסל איינגענומען אונטער דעם קליינינטשקן בערדעלע. האָט שוין יוסעלע באַלד אויסגעזעהען ווי פאַר תקיעות — אָט הייבט ער אויף די רעכטע האַנט און טוט עס אַ געשריי „למנצח“. נאָר דאָס פנים, כאָטש ס׳איז שוין געווען עטוואָס אויסגעצויגן און מיט אַ געלבלאַכן שיין באַדעקט, האָט עס אַ מאָדנע קינדישן אויסדרוק געהאַט. עפּעס אַ שטיל פאַרטראַכטע, קינדיש הכנעהדיגע מינע — אַ באַהאַלטענער, האַלב פאַרגאַפטער שמייכל האָט עולם האמת׳דיג אויף דעם פנים אַרומגעשוועבט. האָט שוין אַרום יוסעלען אין קבר אַזוי היימליך אָפּגעהילכט דאָס געזאַנג, וואָס האָט זיך, ווי אַ ליבטיגע כוואַליע פון אַלע זייטן אין קבר געטראָגן.

שטיל, הכנעה׳דיג שטיל האָט זיך יוסעלע געלאָזט באַגראָבן. אָט אַזוי פלעגט ער אויך קינדווייז הכנעה׳דיג שטיל לאָזן מיט זיך טאָן, וואָס מען וויל. חיים געדענקט עס נאָך, ווי היינט. יוסעלע איז נאָך אַ פינף־יאָריג קינד געווען, אַז חיים האָט אים איינמאָל אין בית המדרש נאָך מעריב געהייסן אַ ווײַלע צו וואַרטן. חיים האָט זיך אָבער פאַרטיפט אין אַ ספר. ערשט צום טאָג האָט ער זיך אומגעקוקט: יוסעלע איז געזעסן אין אַ ווינקעלע און קינדיש געדרעמלט. חיים האָט אים אויף די הענט גענומען און צום האַרצן צוגעפרעסט — אַזאַ זיסע תמימות האָט זיך פון

דעם קינד געטראָגן. טאַקע אין יענער צייט האָט שׂרה איינמאָל שפּעט נאָך אַ האַלבער נאַכט פּלוצים אַ געוויין אויפגעהויבן. זי האָט זיך עפּעס שפּעט געפּאָרעט אין קיך, און אַז זי איז אַרויס פון דאָרט מיט אַ ליכט אין דער האַנט האָט זי דערזעהען: יוסעלע איז געלעגן איינגעהויקערט מיט אָפענע אויגן, האָט זיך געהאַלטן מיט די הענטלאַך פאַרן בייכל און שטיל-שווייגנדיג זיך געדרייט פון ווייטאָג. שׂרה האָט זיך אַזש אויף אַ קול צעוויינט: אַ קלייניגקייט, אַ קינד זאָל בּיי די גרעסטע יסורים קיינמאָל קיין פּיפּס ניט טאָן.

אויך דאָס געדענקט חיים. עטלאַכע שעה פאַר דער חופּה איז יוסעלע, דער חתן, נעלם געוואָרן. חיים האָט אים קוים אָפּגעזוכט אין שול. יוסעלע איז געשטאַנען אין אַ ווינקל און האַרציג געזאָגט תּהילים. איז אויף אים חיים אָנגעפאַלן: אַנשטאָט ווייבּערשע טרערן האָט שוין אַזאַ לאַנגער בּחור געמעגט נעמען אַ חסידיש בּיסל בּראָנפן און הערן די וועלט פאַר אַ גראָשן. יוסעלע האָט זיך שטאַרק פאַרשעמט, אַרויסגעלאָזט דעם תּהילים פון דער האַנט און איז שוין געווען גרייט אויף אַלץ. חיים האָט ניט ווילנדיג דעמאָלט עפּעס האַרציג געשמייכלט, קוקנדיג אויף דעם פאַרשעמטן יוסעלען אין דעם נייעם שוואַרץ-זיידענעם היטל, וועלכע שׂרה האָט אים געקויפט צו דער חתונה. דאָס היטל איז אַ בּיסל צו גרויס געווען און האָט זיך אַזוי ייִנגליש-חתנדיג עטוואָס אויף דעם שטערן אָנגערוקט. נאָר אונטער דער חופּה איז ער שוין געשטאַנען אַזוי בּלאַס און קינדיש דערשלאָגן, אַז אַפילו בּיי חיימען האָט דאָס האַרץ גענאָגט. נאָר שׂרה האָט די בּושה פאַרלוירן — בּאַלד נאָך דער חופּה איז זי געפאַלן יוסעלען אויפן האַלז, האָט אים וויינענדיג געאָרעמט און געקושט.

חיים האָט מיט וואַקסנדער אָנשטרענגונג געקוקט, ווי מ׳פאַרשיט דעם קבר. הויפנס שיטערע ערד זיינען בּלינד אויף-

דעם בר־מינן געפאַלן. מיט בלינדער גיכקייט האָבן זיי אַליין געוואַקסן — אָט האָבן זיי שוין פאַרשאָטן דעם אויסגעשטרעקטן בר־מינן מיט דעם קליינטשקן בערדעלע. אַ רגע האָבן זיך נאָך געוויזן די שפּיצן פון די פיס, פון ווייסע תכריכים באַדעקט. אָבער די שיטערע פייכטע ערד האָט בלינדערהייט טאַקע באַלד אירם אָפּגעטאָן — שוין קיין זכר ניט פון דעם בר־מינן.

— באַגראָבן, באַגראָבן...

ביי חיימען איז פלוצים דער פנים פינסטער געוואָרן. אין די אויגן האָט זיך ביי אים אַ מאָדנער פייערל אָנגעצונדן. אַ רגע האָט ער צוזאַמענגעפּרעסט די ליפּן. פלוצים האָט ער זיך ווי אויפגעכאַפּט און צו זיך אַליין גערעדט:

— פון וואַנען האָט זיך דאָס אין מיר אָהן מיין רשות און ידיעה אַ תהום פון טרערן אויפגעהויבן? פאַרוואָס האָט זיך גאָר ניט פרעגנדיג דאָס האַרץ אָנגעהויבן אַזוי ווי טאָן, גלייך ווי מ׳וואָלט עס אויף שטיקער צעשניטן און דאָ אין קבר פאַרשאָטן? ניין, פון וואַנען האָט זיך דאָס פלוצים אין מיר גענומען אַ האַרציגער טאַטע, וואָס וויל ברעכן די הענט אויף זיין גרויסן אומגליק און פשוט וויינען, טאַקע אויסוויינען די גאַנצע נשמה? ווער זשע בין איך; צי דער וואָס איז מקבר דעם טויט, צי דער, וואָס דער טויט איז אים מקבר? אָדער, אפשר, זיינען ביידע אין מיר צוזאַמען? וואָס פלוידערסטו, חיים, — ס׳איז דאָך אין עוד מלבדו!.. וואָס? וואָס הייסט אָהן רשות און ידיעה? הער נאָר, חיים, אָט וואָס — דו ביסט אַ בשר ודם, אַ ייד אַ גבר, וואָס האָט שטאַרק ליב אַ ביסל בראָנפן, האָט זיך דיר געוואָלט קוויקן און שכורן מיט דעם אין עוד מלבדו. דו האָסט, חיימקע, במחילה, געשכורט מיט גאָטס נאָמען. האָסט דעם פרוכת פון קדשי־קדשים אין שענק פאַרליינט... אָט ווער דו ביסט, חיימקע, און גענוג צו באַלאַמעטשען... פאַרשטייסטו, חיימקע דער בעל־הגוף שטייט דיר אויפן וועג — מוזטו, במחילה, פאַלן...

דער קבר איז שוין געווען פאַרשאָטן. דער עולם האָט אויפן נייעם וואונדער־שטייגער צדוק־הדין געזונגען. האָבן שוין אַלע קברים ווייטער עולם־האמת׳דיג געגאַפט.

פּלוצים האָט זיך דערהערט אַ ווילדער שרעק־געשריי, ווי פון אַ אונטערגעשאָסענער חיה. פון אַרום קבר האָט עמיצער אַ לויף געטאָן, זיך אוממענשלאַך גיך צווישן עולם דורכגעריסן און איז אין איין רגע ווי אַ בליץ פאַרשוואונדן.

פון אומערוואַרטעטן שרעק און וואונדער זיינען אַלע אַ רגע ווי פאַרגליווערט שטיין געבליבן. דאָס געשעהענע איז אָבער געווען צו אומגעהויער, און מענשן זיינען טאַקע דאַן צו גרויס געווען, אַז מ׳זאָל זיך קענען פאַרלירן. מ׳איז טאַקע באַלד גע־קומען צו זיך.

מ׳האָט זיך שוין ניט נאָכגעפרעגט און ניט נאָכגעקוקט.

שטיל האָט מען געענדיגט די תּפלה אויפן בית עולם. פון די קברים האָט זיך שוין ווידער געטראָגן דער שטענדיגער איי־ביגער רוה פון עולם האמת.

גלייך פון בית־עולם זיינען אַלע געגאַנגען צו חיימס שטוב. מ׳האָט אים דאָרט ניט געפונען. האָט מען זיך געלאָזט איבערן גאַנצן שטאָט אים זוכן.

אומזיסט — ניטאָ חיים גראַוויצער.

האָט מען געשיקט רייטערס און פורן אויסער דער שטאָט זוכן אין די נאָהענטע פעלדער און דערפער. צו דער נאַכט זיינען אַלע רייטערס און פורן צוריק געקומען.

— ניטאָ חיים גראַוויצער.

האָט מען נאָך פאַר אַ האַלבע נאַכט געשיקט אַ שליח מיוחד קיין ליובאַוויטש מיט דער ידיעה.

— ניטאָ חיים גראַוויצער.

* * *

און אין יוסעלעס שטוב איז פינסטער געווען. די קינדערלאַך זיינען שוין לאַנג געשלאָפן. איין לאהלע איז געזעסן אַרום אָפענעם פענסטער און מיט שטיל גליענדע פאַרחלומטע אויגן געקוקט אין דער גרויסער נאַכט אַריין. אָהן אַ צאָל, טאַקע ממש גאָר אָהן אַ צאָל ליכטיגע שטערן האָבן פון דעם הימל אויף דער ערד אַראָפגעלויכטן. וואָלט זיך דאָס עמיצער אַ ריר טאָן! הימל או ערד, בוימער און גראָזן — אַלץ שטייט אומבאַוועגלאַך — פאַרגאַפט. אַ שטיל, כלות־הנפשדיג שטיל געזאַנג האָט אין דער גרויסער נאַכט געפלאַטערט. לאהלע האָט תמימותדיג־פאַרגאַפט די הענט אויף דער ברוסט צונויפגעלייגט. זי האָט שוין גאָט וויים ווי אַזוי אויף אייביג אין זיך איינגעזאַפט דאָס גרויסע געזאַנג פון אין עוד מלבדו!

— אין עוד מלבדו!